STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02757

REVIZYONIZM

H. Ben-Meir

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועלט־פאריייניקונג פועלי־ציון (צ. ס.) - התאחדות

ח. בן־מאיר

רעוויזיאניזם -
א סכנה פארן פאלק

ת ל ־ א ב י ב

תשרי תרצ"ט אקטאבער 1938

Printed in Palestine — 1938

Ch. Ben-Meyer:

Revisionism a Danger to the Nation

Published by World Union Poale Zion-Hitachduth
Tel-Aviv, (Eretz-Israel) P.O.B. 1607

איחוד עולמי פועלי ציון־התאחדות, תל־אביב, ת.ד. 1607

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

פינף יאָר
רעוויזיוניסטישער בריוניזם

אינהאַלט:

א. אויפשטייג און ירידה פון בריוניזם — — — — 5

ב. אפריל 1936 — — — — — — — — — — — — 8

ג. העצעריי און „דרכי שלום“ — — — — — — — 10

ד. בית״ר איז געוואָרן „בר־מצוה“ — — — — — 14

ה. זייער אויטאָפּאָרטרעט — — — — — — — — 20

ו. בלוט־העצעריי — — — — — — — — — 25

ז. טעראָר — — — — — — — — — — — 29

ח. „אקטיוויסטישער פראָנט“ — — — — — — — 33

ט. קאַפּיטל ראש־פינה — — — — — — — — 38

י. „זיין עשאַפאָט וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין אַ טורעם“ 44

יא. „דער וועג צו גאולה, וועלכן עס האָט אָנגעוויזן בן־יוסף“ 48

יב. באַרגאַראָפּ — צום תהום — — — — — — — 58

א. אויפשטייג און ירידה פון בריוניזם

אַזעלכע ביטערע צייטן פאר אידן, ווי די איצטיגע, זיינען נאָך נישט געווען. אין גלות שניידט די שווערד, און אין ארץ־ישראל הערשט די גרויל; אין די לענדער פון דער אידישער צעשפּרייטונג איז ערגער פון שלעכט, און די האָפענונג געראטעוועט און אויסגעלייזט צו ווערן דורך ארץ־ישראל געפינט זיך אין אַ גרויסער סכנה.

און עס זיינען נישט געווען נאָך אַזעלכע גוטע צייטן, ווי די איצטיגע, פאַר די בריונים און זייער פּאַרטיי, וועלכע געניסן פונם כאַאָס, מוטנע וואַסער און שלעכטע צייטן, — נישטאָ עפּעס בעסערס פאַר זייער וואוקס און אַנטוויקלונג. עס איז אַ פעסטער כלל: ירידה־צייט פאַרן פאָלק און פאַר ארץ־ישראל באַדייט אויפשטייג פאַר הפקר־לייט.

מיר זאָגן „פאַר די בריונים און זייער פּאַרטיי“ — טראָץ די טענות און מענות פון כלערליי „גוטע אידן“, ממונים אויף „מוסר היהדות“ און ווייכהאַרציגע באַקאַנטע שריפטשטעלער; נאָכמער — מיר זאָגן עס, טראָץ דעם שוים אויף די ליפּן פון די אַלע, וואָס זייער ליבע צו די בריונים און רעוויזיאָניסטן פאַרדעקט פאַר זיי יעדע זינד זייערע. וואָרום מיר האָבן נישט פאַרגעסן און וועלן נישט פאַרגעסן וואָס עס האָט געזאָגט דער רעוויזיאָניסטישער שריפט־שטעלער ה. יעווין אין יאָר 1933: „די כת פון די בריונים האָט נישט קיין באַפולמעכטיגונג פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי, אָבער די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי האָט געוואוסט פון איר טעטיקייט. ווייל אין דער פּאַרטיי זיינען פאַראַן פאַרשידענע שטרעמונגען“. און אָט וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געזאָגט, לויטן טאָגבוך פון באַקאַנטן רעוויזיאָניסט אבא אחימאיר: „ איך בין אַ געגנער פון מאָניזם אַפילו אויף איין איינציגן טאָג. י—ו פאַרנעמט זיך מיט דער אויס־שטעלונג, — מוז ער זיך ווענדן צו די באַאַמטע. אחימאיר באַקעמפט

זיי.ביידע זיינען אונז נויטיג, סיי די באַמבעס־וואַרפער און סיי די אויסשטעלונגען־איינאָרדנער".

מיר האָבן נישט פאַרגעסן און מיר קענען נישט פאַרגעסן, אז די ציטירטע רייד האָבן עד היום נישט פאַרלוירן זייער באַדייטונג. פון זינט עס זיינען קלאָר און אָפן געוואָרן פאַר אַלעמען די תורות פון רעוויזיאָניסטישן בריוניזם, זיינען נישט בלויז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אונזערע חשדים נאָר זיי האָבן זיך נאָך מער פאַרטיפט און פאַרפעסטיגט.

בשעת אידן ווערן געמאָרדעט אין די צענדליגער, און עס האַלט שוין ביי הונדערטער, איז אויף אונז נגזר געוואָרן, אַז מיר זאָלן נישט קענען זיך אָפּגעבן בלויז דער מלחמה געגן די געפער־לעכע פאַרניכטונגס־פרווון פונם אויסערלעכן פיינד, נאָר מיר מוזן נאָך אויך פאַרשווענדן אַ טייל פון די אַזוי־טייערע כוחות אויף קאַמף געגן אינערלעכן שונא, — געגן זיינע אונטערגראָבונגס־און צעשטער־רונגס־מעשים, וועלכע שטאַרקן אונזערע אויסערלעכע שונאים.

און גלייך ווי אין די פריערדיגע יאָרן, אַזוי אויך איצטער, אין צייטן פון חורבן־סכנות, שטויסן מיר זיך ווידער אָן אין קורצ־זיכטיגע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע, פחדנישע אַרויסדרייאונגס־פרווון, וועלכע זיינען גרייט צו פאַרדעקן די פלאָג, זי זאָל זיך נישט אַרויסזען. דאָס פאַרטיפט נאָך מער די ווירקונג פונם טויט־גיפט אויפן גוף און אויף דער נשמה צוזאַמען.

די בריונים און די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי האָבן געפייערט „זייער נצחון" נאָך סטאַווסקיס באַפרייאונג מיט טראַסק און מיט פאַמפּע, אין ארץ־ישראל און אין די גלות־לענדער. דער טראַסק און די פאַמפּע האָבן אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. גאָר גיך האָבן זיי דערלעבט טעג פון צעטומלעניש, פון דעגענערירונג און ירידה.

אַביסל האָט זיך דערנאָך ווידער צעפלאַקערט דער פלאַם בשעת די אַרבעטס־סכסוכים וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל און די גוואַלט־מעשים, וועלכע זיינען מיט זיי געווען פאַר־בונדן. דאַן האָט זיך ווידער געלאָזט הערן די שטימע פון די גוטע אידן, וועלכע האָבן די בריונישע־פּראָוואָקאַציעס נישט געזען און נישט געהערט, און האָבן שאַרף פאַראורטיילט בלויז דעם אָפּוער־

קאַמף פון די אַרבעטער געגן די צעברעכונגס־און אונטערגראָבונגס־מעשים.

און נאָך איין מאָל האָבן זיך די שונאים און העצער אָנגע־כאַפּט אין אַ געלעגנהייט צו טון זייער אַרבעט. דאָס איז געווען בעת עס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן צו שליסן אַן אָפּמאַך — דער באַקאַנטער „הסכם" — מיט די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער אין אַרבעטס־ענינים, און די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן, ווייל ער האָט נישט אַנטהאַלטן קיין גאַראַנטיע, אַז ער וועט ווירקלעך דערפירן צו פאַרשטענדיגונג און שלום אין דער אַרבעט (עס איז געווען אַ הסכם מיט זשאַבאָ־טינסקין און נישט מיט די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער גופא), און דערביי האָט ער אַנטהאַלטן פונקטן, וועלכע האָבן באַגרעניצט די אַרבעטער אין זייער קאַמף פאַר אַרבעטער־אָרגאַניזירונג און אַר־בעטס־באַדינגונגען און האָבן געגעבן די ווינציגע רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער אַן איינפלוס־און טעראָריזיר־כוח, — אַ סך גרעסערן פון זייער פאַקטישע קראַפט.

אָבער די אַלע זאַכן זיינען נישט געווען בכוח אַריינצובלאָזן אַ לעבנס־ווינט אין די פוילנדע זעגלען פון דער אונטערגייענדיגער רעוויזיאָניסטישער שיף. זשאַבאָטינסקי האָט קראַמפּהאַפט געקעמפט מיט די כוואַליעס און זיך געוואָרפן אַהין און אַהער. אויפן רעוויזיאָ־ניסטישן צוזאַמענפאָר אין קראָקע (ווינטער 1935) האָט ער פאַר־לאַנגט סיי צו באַשטעטיגן דעם הסכם מיט דער הסתדרות און סיי צו דערקלערן אחימאירן אַלס איינעם פון די פאָלקספירער. און דערנאָך, בעת זיין רייזע קיין אַמעריקע, האָט ער סיי געגעבן אַ מין גט זיינע „נאָענטסטע" חברים, די „מאקסימאליסטן", און סיי נישט אויפגעהערט צו פראָקלאַמירן (ער האָט עס אויסגעדריקט אויף אַ פאַרלעזונג אין לעמבערג): „אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וועלכער זאָל צווינגען די זון, זי זאָל שיינען פון מערב און נישט פון מזרח, אַזוי איז נישטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וועלכער זאָל קענען צווינגען די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי, זי זאָל זיך אונטערוואַרפן דער פאַרלאַמענטאַרישער שפּיל פון מערהייט און דיסציפּלין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע". דער רע־זולטאַט איז באַקאַנט: די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַרלאָזט די ציוניס־

טישע אָרגאַניזאַציע און האָבן געגעבן אַ שבועה זי צו צעברעכן, פאַרשטייט זיך, לויט זייער שטענדיגן כלל: „אַלע מיטלען זיינען כשר".

עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע". עס איז גאַנץ קלאָר, אַז נאָך דערדאָזיגער פּראָקלאַמירונג האָבן זיך די רעוויזיאָניסטן געניויטיגט אין אַ פולער מאָביליזירונג פון זייערע כוחות, און עס איז ביי זיי געווען אַ מאָמענט פון אינערלעכן שלום און אחדות. אָבער כלפי חוץ האָט זיך די העצעריי און אויפרייצונג גרעניצלאָז געשטאַרקט, עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן יעדע צוים פון דער רעוויזיאָניסטישער און נ.צ.א.־ישער פּרעסע אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, וועלכע דערשיינט „ביי דער שטענדיגער באַטייליגונג פון זשאַבאָטינסקין". קיין דערפאָלג האָבן זיי נישט געהאַט, די „נייע ציוניסטן". דאָס פאָלק איז געבליבן געטריי די אויסגעפּרוווטע פירער, וועלכע האָבן מיט זייער גאַנצער קראַפט באַקעמפט די ערשטע אויפשפּראָצן פונם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָבן זיך געהאַט געוויזן אין ארץ־ישראל (בשעת דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה), און האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף געגן דער סכנה פונם לעגיסלאַטיוון ראַט, געגן דער עליה־באַשרענקונג און געגן די באָדן־קויף־גזרות, וועלכע האָבן זיך געגרייט און געוועבט אין די פאַרבאָרגענישן פון די רעגירונגס־פּאַלאַצן אין ירושלים און אין לאָנדאָן.

ב. אפּריל 1936

אַזוי האָט עס געדויערט ביז די בלוטיגע טעג פון אַפּריל 1936. אויף דער ארץ־ישראלדיגער גאַס זיינען ווידער אַרויסגעקראָכן פון די לעכער די אונז־באַקאַנטע בריונים, וועלכע האָבן זיך איצט אַ נאָמען געגעבן „נוער המרי" — די בונטאַרן־יוגנט, אָבער זייער דעוויז איז געבליבן דערזעלבער וואָס איז געווען פריער ביי דער „כת הבריונים": „בדם ואש יהודה תקום" (דעם דעוויז האָבן זיי, פּונקט ווי דעם נאָמען טרומפּעלדאָר, גענומען ביי אַנדערע און פאַרקריפּלט זיין אינהאַלט).

נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו אַנאַליזירן וויאַזוי און אין וואָס

פאַר אַ מאָס עס זיינען צוגעגרייט געוואָרן די געשעענישן פון 1936 — אויב זיי זיינען טאַקע באמת פון פאָרויס געפּלאַנט און צוגעגרייט געוואָרן. — עס איז גאַנץ זיכער, אַז דער ברייטער פאַרנעם פון די געשעענישן איז געוואַקסן אין סאַמע פּראָצעס פון זייער אַנטוויקלונג און גאַנג. אָבער אויך אָננעמענדיג, אַז ערגיצוואו, אין אַראַבישן לאַגער, איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן די בלוטיגע אומרועו — קענען מיר נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז הפקר־מעשים, אומפאַראַנטוואָרטלעכע אויפפירונג און פּראָוואָקאַציעס פון אידישע בריונים האָבן אַ סך גרינגער געמאַכט די מלאכה פון די אַראַבישע העצער און מערדער.

אַ גרופּע הפקר־יונגען פון דער „בונטאַרן־יוגנט" האָט פרייטאָג, דעם 17 אַפּריל 1936, באַהערשט די לויה פון איינעם פון די ערשטע קרבנות אין די איצטיגע געשעענישן, חזן, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן לעבן טול־כרם. די לויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאַאָטישער דעמאָנסטראַציע, מיט שעדלעכע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע אויסרופן און לאָזונגען. אין דער העצע געגן אונז און אין די אָפיציעלע מעלדונגען האָט דערנאָך פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט דער הפקרדיגער און נאַרישער רוף פון דערדאָזיגער דעמאָנסטראַציע: „לאָמיר גיין קיין יפו". דאָס בושעווען און באַוואַרפן מיט שטיינער אידישע און בריטישע פּאָליציאַנטן (איבער צען מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן פון ביידע צדדים) איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויך נאָך דער לויה. יענעם פרייטאָג און צומאָרגנס, שבת, זיינען אין די תל־אָביבער גאַסן פאָרגעקומען עטלעכע בריונישע אָנפאַלן אויף אַראַבער. אינצווישן איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אויפן וועג צווישן פּתח תקוה און כפר סבא זיינען געהרגעט געוואָרן צוויי אַראַבער(שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איינער פון זיי איז געוועזן אַ איד). עס זיינען, אמת, נישט געווען קיין באַווייזן, אַז אידן האָבן זיי געהרגעט, אָבער די אַראַבישע העצער האָבן זיך נישט געניטיגט אין קיין באַווייזן. און יענעם פרייטאָג איז אין רמלה פאָרגעקומען די נבי־צאלח־פייערונג, בעת וועלכער עס קומען זיך צונויף טויזנטער אַראַבער, — אַ טאָג וואָס מען קען זיך תמיד ריכטן אויף אומרועו. דאָס האָט נישט געקענט זיין אומבאַקאַנט אויך די בריונים.

עס איז קיין צווייפל נישט, אַז יענעם פרייטאָג און שבת איז אין יפו אויסגעאַרבעט אָדער פאַרענדיגט געוואָרן דער בלוטיגער פּלאַן, און זונטאָג אינדערפרי האָט אויסגעבראָכן דאָס העלישע פייער, אין וועלכן מיר געפינען זיך שוין איבער צוויי יאָר.

אַזוי ווי אין דער דעמאָנסטראַציע ביים כותל מערבי אין חודש אב אין 1929־טן יאָר, אַזוי אויך אין דער דעמאָנסטראַציע און אינם בושעווען אין תל־אביב דעם 17־18־טן אפּריל 1936 האָבן די רע־וויזיאָניסטישע בריונים געשפּילט אַ ראָל, וועלכע מען דאַרף בשום אופן נישט גרינגשעצן.

אין יענע טעג האָט זשאַבאָטינסקי געשיקט אַ טעלעגראַמע דעם נציב העליון, אין וועלכער ער האָט „געוואָרנט", אַז אויב ענגלאַנד וועט נישט ענדערן איר פּאָליטיק אין ארץ־ישראל — וועט זיך גיסן בלוט פון ביידע צדדים... ווי ווייט דידאָזיגע „וואָרנונג" האָט געקענט משפּיע זיין אויף דער ענדערונג פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק לטובת די אידן איז נישט שווער תופס צו זיין, אָבער אַ פאַקט איז, אַז די טעלעגראַמע האָט געזאָלט ארויסרופן אַן אָפּי־ציעלע דערקלערונג, וועלכע וואָלט געשילדערט די ראָל פון אידען אין די אומרוען אין זייער אַ געפערלעכן נוסח און נאָר אַ דאַנק שטאַרקע באַמיאונגען פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז עס אויסגעמיטן געוואָרן.

ג. העצעריי און „דרכי שלום"

און תיכף האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע העצע געגן דער „הבלגה". טאָגטעגלעך האָט מען, אין ארץ־ישראל און דערהויפּט אין חוץ־לארץ, געשטעמפּלט די „שאַנד" פונם ישוב, וואָס לאָזט זיך מאָרדן, וואָס „פאַרקריכט אין באַהעלטענישן" און דערלאָזט „רואיג" דעם שונא איבעררייסן די פאַרבינדונגס־וועגן צווישן די שטעט און קאָלאָניעס א.א.וו. עס לאָזט זיך גריילעך משער זיין, אז די אידן אין חוץ־לארץ האָבן זיך פאָרגעשטעלט די לאַגע אין ארץ־ישראל ענלעך צו דעם, ווי עס קומט פאָר ביי זיי אין פּשיטיק און אין מינסק־מאַזאָוויעצק. דעם ארץ־ישראלדיגן ישוב איז שווער געווען צו פאַרבלענדן. דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט דאָך

געוואוסט, אַז קיינער באַהאַלט זיך נישט און קיינער לאָזט זיך נישט סתם הרגענען, נאָר אַז: מען אַקערט און מען זייט די פעלדער, מען פלאַנצט און מען פאַרזעצט בוימער, מען בויט און מען לייגט־דורך וועגן און מען פאָרט אויף זיי, מען האַנדלט און מען וואַנדלט, מען לערנט און מען גיט אַרויס ביכער, מען האַלט פאַרלעזונגען און מען שפּילט טעאַטער, מען טוט אַלע מלאכות פון אַ געזינטן און שאַפנדן ישוב, מען שטייט אויף דער וואַך און מען בויט פונדאַסניי, — און מען דעראָבערט אויך נייע פונקטן און פּאָזיציעס, און מען ברענגט אַריין אין לאַנד נייע עולים. אין די סאַמע גרויל־טעג פון שיסערייען און אָנפאַלן האָט די תל־אביבער אויסשטעלונג באַוויזן די דערגרייכונגען פונם ישוב אין קאָלאָניזאַציע און אין בוי, אין דער אינדוסטריע און אין קונסט, — אין אַלע לעבנס־און אַרבעטס־געביטן. און פונקט צום חודש פונם אָנהויב פון די אומרוען, דעמזעלבן טאָג, בעת ס'איז געפאַלן נאָך אַ קרבן צווישן די מויערן פון ירושלים, איז דער אַלטער און קראַנקער שטאָט־פּרעזידענט פון תל־אביב, מאיר דיזענגאָף, געשטאַנעןביים ברעג תל־אביבער ים און מיט ציטערנדע ליפּן באַגריסט דעם אָרימען האַפן־אָנהויב מיט די ווערטער: „דאָ וועט זיין אַ גרויסער פּאָרט". אָט יענעם טאָג, ביים ליכט פון דעם קליינעם אָנהויב, האָבן אַ גאַנץ אַנדערן זין באַקומען אונזערע ליידן און קרבנות, אונזער געראַנגעל און זעלבסטבאַהערשונג; — עס האָט אַ גאַנץ אַנדערן זין באַקומען אָט די הבלגה וועלכע איז — טראָץ דעם טיפן ווייטאָג און דער אינערלעכער ביטערקייט — אַן אויסדרוק פון אַ גרויסער אחריות, פון אַ גרויסן פּאָליטישן חשבון פון אַ פאָלק וואָס איז געבונדן מיט זיין ערד, מיט זיינע דערפער און שטעט, און מיט די געגעבענע פּאָליטישע פאַרהעלטנישן אַרום אים, וועלכע פאַר־לאַנגען פון אים באַזאָכטקייט, באַטראַכטקייט און ווייטזיכטיקייט פון אַ מלוכהש פאָלק, און נישט היסטערישע אויסברוכן פון אַ כאַפּטע צעלאָזענע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע הפקר־יונגען.

בשעת די רעוויזיאָניסטן האָבן דערשפּירט, אַז דער ישוב האַלט נישט ביי אַרונטערפאַלן אונטער זייער ווילדער השפעה, און אַז, — פון דער צווייטער זייט — האַלט מען אויך נישט דעם מאָמענט פאַר פּאַסיג זיך „אָפּצורעכענען" מיט זיי פאַר זייערע

מעשים און מען איז גרייט עס אָפּצולייגן אויף אַן אַנדער צייט, ווען דער ארץ־ישראלדיגער ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג וועלן אַביסל אָפּרוען פון די אויסערלעכע שונאים, — האָבן זיי געפּרוווט מזל אויף אַן אַנדער וועג.

פּלוצים האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די רעוויזיאָניסטן זיינען נוטה זיך אומצוקערן, מיט „געוויסע באַדינגונגען״ אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אַלס ערשטע שריט דערצו וועט זיין זייער אומקערן זיך אין דער „כנסת ישראל״. דער „הירדן״ האָט פייערלעך פּראָקלאַמירט, אַז: „דער גאַנצער ישוב בענקט נאָך זשאַבאָטינסקיס פירערשאַפט״. באַלד דערנאָך זיינען אָנגעקומען „ידיעות״ וועגן „אונטערהאַנדלונגען״ צווישן זשאַבאָטינסקי און ווייצמאַן. דערנאָך איז מען געוואויר געוואָרן, אַז וועדזשוואוד און סנעל האָבן זיך געווענדעט צום קאָלאָניען־מיניסטער טאָמאָס מיט אַ פאָרשלאָג, ער זאָל שלום־מאַכן צווישן די ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן, און טאָמאָס האָט דעם פאָרשלאָג איבערגעגעבן די ציוניסטישע פירער. מען האָט אויך דערציילט מכוח זשאַבאָטינסקיס אַ בריוו צו ווייצמאַנען, אין וועלכן ער האָט מער־ווייניגער געשריבן: אין דעם איצטיגן שווערן מאָמענט דאַרף מען פאַראייניגן די כוחות, איז דעריבער — היות ווי איר (די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע) האָט 635 טויזנט שקל־צאָלער, און מיר (די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע) האָבן 700 טויזנט ווילער, — לאָמיר־זשע שאַפן אַ פּ אַ ר י ־ ט ע ט ע קאָמיסיע (אָדער אַ פּאַריטעטע עקזעקוטיווע), וועלכע וועט אויסברייטערן די אידישע אַגענץ און וועט אין איר אַריינגעמען אַלע אידן, וואָס וועלן נאָר וועלן אַריינגיין, אָן קיין שום באַדינגונגען און פאַרפּליכטונגען...

אַזוי האָט זיך דער רעוויזיאָניסטישער „פירער״ דערלויבט צו שטעלן אין דער פּאָזע פון אַ תקיף, און אין שווערן מאָמענט פּרווון ספּעקולירן אויף די קברים פון די געפאַלענע, — אין די ערשטע חדשים פון די געשעענישן אין 1936; אזוי האָט ער זיך געבלאָזן און פאַרלאַנגט פּריווילעגיעס אין נאָמען פון זיינע 700 טויזנט „ווילער״, בעת דער ישוב איז כסדר אָפּגעגאַנגען אין בלוט און בעת עס איז געווען אַלגעמיין־באַקאַנט, אַז די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי געפינט זיך אין אַ פולשטענדיגן ירידה־צושטאַנד.

און מיטן כוח פון די פיקטיווע „700 טויזנט וויילער״, וועלכע האָבן דערפירט די רעוויזיאָניסטן צו אַ פולשטענדיגער ירידה, ווי עס שילדערט זייערס אַ געהיימער צירקולאַר פונם 17־טן אַפּריל 1936, האָט זשאַבאָטינסקי געהאַלטן רעדעס און פאַרגעלייגט „שלום״ און „באַדינגונגען״. דאָ האָט ער דערקלערט, אַז מיר דאַרפן זיך דערנענטערן צו א י ט אַ ל י ע, ווייל אינגיכן וועט איר כוח זיין שטאַרק אין ארץ־ישראל, און דאָ האָט ער געגעבן אַ רמז דער סט״א (ארץ־ישראלדיגע טעלעגראַפן־אַגענטור), אַז תיכף נאָך ווייצמאַנען וועט ער זיך טרעפן מיטן מיניסטער אָרמסבי־גאָר (צומאָרגנס איז די ידיעה אָפּגעלייקנט געוואָרן). און בעת ער האָט אויף זיין „שלום״־פאָרשלאָג באַקומען די תשובה, אז דער וועג אומצוקערן זיך אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אָפן פאַר אַלע, וואָס זיינען ווי אירע שטענדיגע חברים, גרייט צו נעמען אויף זיך, אַלע רעכט און אַלע פליכטן, — האָט זשאַבאָטינסקי ווידער ארויפגעזעצט אויפן קאָפּ דאָס פּאַיאַצן־מיצל און פאַרעפנטלעכט אַ מאמר בזה הלשון:

„כמעט אין יעדן שמועס דערציילט מען מיר וועגן צו־שלום־געשטרעקטע הענט. זייער אַנגענעם. די ליבע, ווייכהאַרציגע קאָרעספּאָנדענטן און מיינע פּאַציפיסטישע אַנ־הענגער זאָגן מיר אָן גוטע בשורות וועגן שלום־פאָרשלאָגן״... מען דערציילט א י ם, מען זאָגט א י ם אָן.

„אָבער וויאַזוי — זעצט ער פאָר — דאַרף מען דידאָזיגע פאָרשלאָגן אויפנעמען?״ אָט איז די תשובה:

„אויב צען יאָר האָט געדויערט דער שטרייט מכוח דער ריכטונג, אין וועלכער מען דאַרף פירן די שיף, און צום סוף האָט געזיגט יענע ריכטונג, וועלכע זיי האָבן תמיד אויסגעלאַכט — הייסט עס, אַז זיי זיינען מחויב איבערצו־געבן דעם רודער אין ד י י נ ע ה ע נ ט, און זיי דאַרפן ווערן דיינע געהילפן, וואָס פאָלגן דיינע אָנווייזונגען״ — „צווישן אָנשטענדיגע מענטשן פירט מען זיך אַזוי: אויב עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז יענער איז געווען גערעכט — פאַרגעסט מען די חשבונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, און מען פאַרבעט אים, ער זאָל קומען איבערנעמען די מאַכט״...

אַזוי האָט זשאַבאָטינסקי געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי נישט ער וואָלט געבעטן שלום און ווי ער וואָלט עס אָפּגעוואָרפן באַדינגונגען; און דער עיקר — ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי נישט איצט וואָלט אונז גראָד דערוויזן געוואָרן מער ווי ווען־עס־איז, אַז אונזער וועג — דער וועג פון עליה און אַרבעט און קאָלאָניזאַציע און אויפבוי — איז געווען דער ריכטיגער און איז אונז בייגעשטאַנען אין דערדאָזיגער שווערער תקופה; ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי דוקא איצט וואָלט נישט קלאָר געוואָרן, ווי ביטער און פינצטער וואָלט געווען אונזער מצב אויב מיר וואָלטן חלילה זיך געלאָזט גיין אויפן וועג וועלכן זשאַבאָטינסקי האָט געפּרעדיגט, — נישט בויען, נישט געבן פאַר די פאָנדן, נישט קאָלאָניזירן. מיר וואָלטן איצט געווען — ווען מיר פאָלגן אים בשעתו — אָן אַ ישוב פון 400 טויזנט מענטשן, אָן שטעט און דערפער, אָן וואָרצלען אין ארץ־ישראלידיגן באָדן, און פשוט, אָן אייגן ברויט און אָן אייגענע גרינס און מילך און פרוכטן א.א.וו. גראָד אין אַזאַ מאָמענט, ווען דערדאָזיגער עלעמענטאַרער אמת איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן איינעם, האָט זשאַבאָטינסקי די העזה צו טענהן: „איר זייט אַרויף אויף מיין וועג, — קומט־זשע צו מיר און בעט מיך, איך זאָל גיין געוועלטיגן איבער אייך".

ד. בית״ר איז געוואָרן „בר־מצוה"

אין פעברואר 1937 האָבן די רעוויזיאָניסטן ארויסגעוויזן אַ באַזונדערע אַקטיוויטעט אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק און אין ירושלים. הפקרות, ליגן און בריוניזם, האָבן דאָ געווירקט צוזאַמען און דערגאַנצט איינס דאָס אַנדערע. דער נשיא פון בית״ר, דער גרויסער דוטשע, האָט געצויגן די שטריק, דאָס ביתר־יונגוואַרג האָט זיך אָפּגערופן אויפן צי און געבושעוועט, און די ביתרישע שליחים האָבן געליגנערט און געפּרוווט פאַרבלענדן די אויגן דער געזעלשאַפט. אינצווישן איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַ בשורה דער וועלט, אַז זי דאַרף פייערן אַ גרויסן יום־טוב: בית״ר איז געוואָרן „בר־מצוה"; ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר.

עס האָבן געקלונגען גלעקער, „מען האָט געקלאַפּט טעלעג־

ראַמעס", „נאַציאָנאַלע" צייטונגען האָבן געטומלט: זשאַבאָטינסקי האָט גערעדט! — בעת די קעניגלעכע קאָמיסיע איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער פאַר איר עדות געזאָגט. די צייטונג „הארץ", וועלכע מען קען חלילה נישט חושד זיין אין שוואַכער „נאַציאָנאַ־לישקייט", האָט ריכטיג באַמערקט, אַז זשאַבאָטינסקי אַלס „אָפּאָזיציע", אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־יאָך, האָט זיך טאַקע געקענט דערלויבן זאָגן מער ווי די אידישע אַגענץ אין איר אָפיציעלער עדות, אָבער דאָס פאַרגלייכן די מעמאָראַנדומס און עדות־דערקלערונגען פון דער אַגענץ מיט זשאַבאָטינסקיס עדות־זאָגן באַווייזט ווי ערנסט, ווי געוואויגן און געמאָסטן, ווי זאַכלעך און באַלערנדיג עס איז געווען דאָס עדות־זאָגן פון דער אַגענץ (עס איז איבעריג צוצוגעבן, אַז אַלץ וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן — האָבן דר. ווייצמאַן און זיינע חברים געזאָגט אויף די פאַרמאַכטע זיצונגען פון דער קאָמיסיע). ווער עס שטודירט דעם באַריכט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע און וויל אויסגעפינען די יסודות פון זיינע פּאָזיטיווע טיילן, דאַרף בלויז פאַרגלייכן די דאָזיגע טיילן מיט די מעמאָראַנדומס און עדות־דערקלערונגען פון דער אידישער אַגענץ און ער וועט זיך איבער־צייגן, — פונוואַנען די קאָמיסיע האָט געשעפּט אָט די אלע באַגריפן און אויספירן, וועלכע טיילן אויס צום גוטן דעם פיל־באַריכט פון די באַריכטן פון אַלע פריערדיגע קאָמיסיעס. פונקט אַזוי ווי די נעגאַטיווע טיילן פונם באַריכט שטאַמען פון דער ארץ־ישראלדיגער אַדמיניסטראַציע, אַזוי שטאַמט אַלדאָס פּאָזיטיווע אינם באַריכט, פונם עדות־זאָגן פון דער אידישער אַגענץ. אָבער זשאַבאָ־טינסקי האָט זיך נאַטירלעך, נישט באַגנוגנט מיט אַלגעמיינע זאַכן. דער „הארץ" האָט שוין באַרירט זיינע אומפאַראַנטוואָרטלעכע רייד וועגן אַן אַנדער מאַנדאַט־מדינה פאַר ארץ־ישראל; זיינע דעפיני־ציעס בנוגע „אידן־שטאַט"; זיין פאָדערונג פון „אַן עליה פון 150 טויזנט אידן אין יאָר" — אַנשטאָט אונטערצושטיצן דעם פרינציפּיעלן און אַקטועלן קאַמף פאַר אַן עליה לויט די אויפנעם־מעגלעכקייטן פון לאַנד; זיין זינגען לויב־געזאַנגען גראַד דער פוילישער רעגירונג, אַנטקעגנשטעלנדיג זי דער בריטישער; און אויך דאָס לעצטע און בעסטע — זשאַבאָטינסקיס טענות געגן דער אידישער אַגענץ, אַז זי רעפּרעזענטירט נישט די מערהייט ציוניסטן און דעריבער דאַרף

מען זי אָפּשאַפן און גרינדן פונדאַסניי אַן אַגענץ לויט זיין געשמאַק דוקא. „עס איז אַ ברוטאלע אונטערגראַבונג — שרייבט דער „הארץ" — אונטער דער פּאָליטישער קאַמפּעטענץ פון ציוניזם, וועלכע וועט נישט פאַרשאַפן קיין כבוד און קיין איינפלוס, נישט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג און אויך נישט די „פּרעטענ־דענטן" מיטן גרויסן אַפּעטיט".

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די בית"רישע בריונים האָבן צוגעגעבן זייער פּירוש צו דער פאָדערונג פון זייער נשיא „אָפּצושאַפן די אידישע אַגענץ": זיי זיינען באַפאַלן די אַגענץ־אַמטן אין ירושלים און איינגעאָרדנט ממש אַ פּאָגראָם — געבראָכן, געהאַקט, געריסן און פאַרניכטעט וואָס ס'איז געקומען אונטער דער האַנט.

אַ פּאָר טעג פאַר דעם איז דער ארץ־ישראלדיגער ישוב איבעראַשט געוואָרן דורך אַן אַנדער טאַט פון די רעוויזיאָניסטן. אַ דעלעגאַציע פון די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער, פאָרשטייער פון „ריינעם נאַציאָנאַליזם" איז געקומען צו דער אידישער אַרבעטער־דעלעגאַציע פון אַמעריקע, וועלכע האָט דאַמאָלסט פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, און זי געבעטן באַזוכן און באַטראַכטן זייערע „שאַפּונ־גען". דערביי איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז מיט עטלעכע וואָכן פריער איז אַ שליח פון די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיך אויך געווענדעט צו די דאָרטיגע אידישע אַרבעטער (וועלכע זיינען, כידוע, ווייט פון „ריינעם נאַציאָ־נאַליזם"), זיי זאָלן העלפן און אונטערשטיצן די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע „הסתדרות" אין ארץ־ישראל. די „נאַציאָנאַלע הסתדרות" האָט ער פאַר זיי אַזוי געשילדערט:

די נאַציאָנאַלע „הסתדרות" איז אַ אידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אין זיך אַריין, דורך פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע פ אַ ר א י י נ ע ן, א י ד י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר פ ו ן א ל ע ר י כ ט ו נ ג ע ן א ו ן ש ט ר ע מ ו נ ג ע ן, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיטן אידעאַל פון אַ אידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

די „נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע („הסתדרות העובדים הלאומית") ציילט פ ו פ צ ן ט ו י ז נ ט מ י ט ג ל י ד ע ר און מיט אירע באַגרעניצטע כוחות האָט זי עד היום שוין אויפגעטון פאָלגנדע

זאַכן: א) זי האָט אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיוון פון אַרבעטער אין שטאָט און אין דאָרף; ב) זי האָט איינגעשטעלט נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, און זי שטרעבט צו רעגולירן די פאָרקומענדע סכסוכים דורך אַ בוררות; ג) אַלס „טרייד־יוניאָן“, וואָס איז טריי דעם פּרינציפּ פון אידישער אַרבעט און אידישע אַרבעטער — האָט די „נאַציאָנאַלע הסתדרות“ דערקעמפט פאַר אירע חברים כמעט די בעסטע אַרבעטס־באַדינגונגען אין ארץ־ישראל, און דאָס איז אויך איר פּערמאַנענטע אויפגאַבע — אויסצוגעפינען גרויסע פאַרבעסערונגען און רעפאָרמען, ווי: פאַרקירצן די אַרבעטס־שעהן און העכערן דעם אַרבעטס־לוין פאַר די ארץ־ישראלדיגע אידישע אַרבעטער; ד) מיט ווייניג געלט האָט די „נאַציאָנאַלע הסתדרות“ שוין געשאַפן עטלעכע אַרבעטער־קוואַרטאַלן און אַרבעטער־קאָלאָניעס, און זי האָט דערוואָרבן באָדן אין שטאָטישע און דאָרפישע געגנדן, כדי צו בויען און אַנטוויקלען אַרבעטער־קאָלאָניעס און אַרבעטער־הייזער; ה) די „נאַציאָנאַלע הסתדרות“ האָט געשאַפן איר קאָמוניקאַציע־קאָאָפּעראַטיוו „עליה“, ווי אויך אַרבעטער־הייזער, אַרבעטער־קיכן, און באַזונדערס — פאַרצווייגטע בוי־אונטערנעמונגס־אינסטיטוציעס א. א. וו.; ו) די „נאַציאָנאַלע הסתדרות“ האָט פאַרנומען די סאַמע געפערלעכסטע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל און זי איז געוואָרן די פּיאָנערין פונם גליל, וואָס קעמפט, וואו ס'איז פריער געווען אַ סכנה פאַר אַ אידישן אַרבעטער צו שטעלן אַ פוס, און אַזוי־אַרום איז זי געוואָרן די פּיאָנערין פונם אידישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. אין אַלע אַנדערע טיילן פון לאַנד — אין דרום, אין שומרון און אין שרון — וואו די אַראַבער האָבן געהאַט דעם אַבסאָלוטן מאָנאָפּאָל אויף אַרבעט און אַרבעטס־מעגלעכקייטן, האָט די נאַציאָנאַלע „הסתדרות“ געבראָכן דעמדאָזיגן מאָנאָפּאָל און דערמעגלעכט דאָס אַריינדרינגען פון אידישע אַרבעטער אין די דערמאָנטע טיילן.

און נאָך עפּעס: „די נאַציאָנאַלע „הסתדרות“ קעמפט פאַר

אַן אינהייטלעכן פּראָנט פון אידישער אַרבעט און אידישע אַרבעטער".

אַט אַזוי זעט עס אויס, בעת ס'איז נויטיג, — בעת די „ריינע נאַציאָנאַליסטן" רעכענען צו קריגן ביי די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע „די נויטיגע מאַטעריעלע מיטלען פאַר דער פאַר־זעצונג פון אויפבוי־אַרבעט אין שטאָט און דאָרף"; דער הייליגער ליגן באַקומט דאַן אַפילו אַ רויטן קאָליר פון פּראָ־פעסיאָנעלקייט, פון קלאַסן־סאָלידאַריטעט, פון קלאַסנקאַמף, פאַר קירצן די אַרבעטס־שעהן און העכערן די אַרבעטס־לוינען א.אַ.וו. א.אַ.וו.

זאָלן מיר זיך וואונדערן אויף זייערע מעשיות? אויף וואָס פריער — אויף די פילע טויזנטער חברים, וואָס דער הייליגער ליגן האָט פלוצלינג געבוירן, אָדער אויף דער שפע קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטער־הייזער, אַרבעטער־קוואַרטאַלן און קאָלאָניעס, וואָס זיי האָבן געשאַפן און וואָס קיינער אין א"י האָט זיי נישט געזעהן?..

מער פון אַלץ איז דאָ ספּעציעל ריכטיג זייער באַרימעריי, אַז זיי האָבן עס געבראַכן דעם מאָנאָפּאָל פון אַראַבישער אַרבעט אין שרון, ווי אויך אין דרום, אין שומרון און אין גליל, — בקיצור, אין גאַנץ ארץ־ישראל. דוקא זיי, די העלדן פון כפר־סבא, וועלכע האָבן טאַקע געבראַכן אַ מאָנאָפּאָל, אָבער דאָס איז געווען דער מאָנאָפּאָל פון אידישער אַרבעט אין שרון; זיי, וועלכע האָבן געעפנט דאָרט אַ טיר פאַר אַראַבישער אַרבעט, און זי האָט זיך געמערט און געוואַקסן און האָט צום סוף אַראָפּגעשווענקט אויך זיי, די בית"רים זעלבסט, ביז — ביז עס זיינען געקומען די בלוטיגע אומרוען, וועלכע האָבן על־פּי־צוואַנג געבראַכט אַן ענדערונג אין דער לאַגע.

איז דען דעריבער אַ וואונדער, אַז די „בר־מצוה" פון בית"ר איז געווען אַ גרויסער „יום־טוב" פאַרן ארץ־ישראלדיגן ישוב און פאַרן ציוניזם: עס זיינען דאָך אַריבער פולע דרייצן יאָר פון זינט דידאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט „צוגעשלעפּט" דעם ריינעם און גרויסן נאָמען טרומפּעלדאָר ביז דעם פּאָגראָם אין הויז פון דער אידישער אַגענץ אין ירושלים... יאָ, די „בר־מצוה" האָט סומירט אַ לאַנגע ריי „מצוות" — „ברעכן", אונטערגראָבן, „פּויסט"־העלדישקייטן,

שטרייקברעכעריי, פּאָגראָמען, העצעס, בלבולים, ליגנעריי, בריוניזם.

און איז דען, נאָך דעם אַלעם אַ וואונדער, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אונז אָנגעזאָגט אין „הירדן״, אַז ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און עס האָבן זיך אים ענדלעך געעפנט די אויגן צו דערזען, אַז די מאָבּיליזיר־גרופּעס פון בית״ר אין ארץ־ישראל „טראָגן מיט זיך אַ נייע תורה פאַר אונז און פאַרן גאַנצן ציוניזם״. במשך לאַנגע יאָרן האָט ער זיך נישט געקענט דערגרונטעווען צו דערדאָזיגער טיפקייט ביז זיין זון איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין דעם ענין, — איז איצט ווייסט ער שוין, אַז:

„די לעצטע יאָרן איז (אַחוץ די ספרדישע און מזרחשע אידן) נישט געבליבן אין ארץ־ישראל קיין אַנדער סאָרט חלוצים, וואָס לעבן אַ שווערן לעבן, נאָר בלויז די בית״רישע. די אַבסאָלוטע מערהייט פון ישוב באַשטייט פון לינקן „חלוץ״ — דער קליינבירגער, וועלכער האָט אַן אייגן הויז אָדער וועט זיכער האָבן אַן אייגן הויז און וועלכער „עקספּלואַטירט״ אָפּט אידישע (צייטנווייז אויך אַראַבישע) לוינאַרבעט״ — — —

און מיר האָבן עס גאָרנישט געוואוסט. מיר האָבן לגמרי נישט געוואוסט ווי גוט און וואויל און רייך עס לעבט זיך אונזערע טויזנטער חברים, די פונם „לינקן חלוץ״ אין ארץ־ישראל... — די אַרבעטער און אַרבעטערינס אין די קאָלאָניעס, די קבוצהשע באַוואוינער פון די געצעלטן און באַראַקן אויף די פאַרשידענע „גבעות״ און „רמות״ און „תל״ים אַרום די קאָלאָניעס, און די „איינצלנע״ אַרבעטער אין די קאָלאָניעס גופא. מיר האָבן גאָרנישט געוואוסט ווי גוט און וואויל און רייך עס לעבט זיך אונזערע קאָלאָניזירטע חברים אין זייערע פּרעכטיגע און גרויסע „פּאַלאַצן״ אין דער געגנט פון תל־מאָנד, רחובות און נס־ציונה; אין עמק חפר און אויך אין — מערבדיגן און מזרחדיגן — עמק יזרעאל; אין עמק הירדן און עמק בית־שאן, — אין „השדה״, תל־עמל, בית יוסף און מסדה; אין דער „אַלטער״ חולדה, אין דער נייער „אידנבאַה״ (כפר מנחם) און אין באַנייטן כפר חטין א.א.וו. מיר האָבן אויך נישט געוואוסט פון דער רייכקייט פון די „לינקע חלוצים״, וואָס אַרבעטן אין די תל־אביבער פאַבריקן, און פון די „לינקע חלוצות״, וואָס

מאַכן כידוע, אַ פאַרמעגן אין „לודזיה" און אין „הדר"־קאַרטאָנאַזש, און אין דער „הויז־אַרבעט" ביי תל־אביבער, חיפהער און ירושלימער באַלעבאָסטעטס. עס איז אונז אויך געווען אומבאַקאַנט דער וואויל־שטאַנד פון יענע „טויזנטער קליינבירגער", וואָס אין אַרבעטס־ביורא פאַרמאָגן זיי בלויז הונדערט־און־פופציג טעג אַרבעטס־לאָזיגקייט אויף זייער קאָנטאָ און דעריבער איז נאָך נישט דערגאַנגען זייער ריי צו באַקומען אַ טאָג אַרבעט...

מען קען אָבער קיין טענות נישט האָבן: ווער זיינען זיי דען אָט די אַלע — אַז דער דוטשע זאָל אין זיינע ווייטע היכלן באַוויליגן צו וויסן אָדער אַפילו בלויז הערן וועגן זיי?..

עס האָבן דאָך געדויערט יאָרן ביז זיינע ליכטיגע אויגן האָבן זיך אויפגעעפנט צו דערזען די בית"רישע חלוצים פון זיין אייגענער מחנה!

ה. זייער אויטאָפּאָרטרעט

מען דאַרף מודה זיין: די צופּאַסונגס־מלאכה, — דאָס „טאַנצן אויף אַלע חתונות", דאָס הנדלען זיך אַהין און אַהער, דאָס מאַכן אַ גוטע מינע „סיי די אויסשטעלונגען־איינאָרדנער און סיי די באַמבעס־וואַרפער" — איז נישט קיין גרינגע מלאכה, און זשאַבאָ־טינסקי, וועלכער באַמיט זיך זיין גאַנץ לעבן צו האַלטן זיך „סיי ביי דעם און סיי ביי יענעם", האָט נישט תמיד געקליבן נחת אין דעמדאָזיגן גאַנג אויפן שטריק.

עס איז קיין ספק נישט, אַז זשאַבאָטינסקי איז באמת פלוצלינג אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער ווירקלעכקייט, וועלכע ער האָט פריער נישט דערשפּירט און האָט זי אויך נישט געוואָלט פאַרשטיין: אין זיין מחנה איז טראָץ אַלעם אַנטשטאַנען אַ באַ־וועגונג פון בחורים, וועלכע האָבן פשוט געוואָלט קומען קיין ארץ־ישראל און האָבן זיך איבערצייגט, אַז אידישע יוגנט, וואָס וויל זיך פאַרוואָרצלען אין לאַנד, האָט קיין אַנדער וועג נישט ווי ווערן אַרבעטער און אַרבעטס־מענשטן אין פעלד און אין בוי און אין פאַבריק, — או דעריבער האָבן זיי זיך אויך גענומען דראַפּען אויף דעם שווערן באַרגאַרויף, אויף וועלכן די גרויסע, „רויטע", חלוצישע

באַוועגונג שטייגט און רופט אַנדערע מיטצושטייגן שוין זינט דרייסיק יאָר. אינם פּראָצעס פון אַריינדרינגונגס־ווייען אין דער אַרבעט און אין אירע באַדינגונגען, אין איר לעבן און אין איר קאַמף, איז אַנטשטאַנען און געוואַקסן אַ געוויסע ברויזונג אין דער יונג־רעוויזיאָניסטישער מחנה, — אַ ברויזונג, וועלכע האָט נישט געפּאַסט צום גייסט פון דעם „פּירערס״ טעאָריעס און באַגריפן, און זי איז דערגאַנגען אַפילו ביז אַ צוזאַמענשטויס מיט זײַנע באַפעלן. צו דער פּילפּאַרביגקייטס־צרה פון אַ סך ריכטונגען און ניואַנסן אין רעוויזיאָניזם איז צוגעקומען אָט דער נייער „ניואַנס״, און זשאַ־באָטינסקי האָט אים געמוזט אויפנעמען און זיך מיט אים מאַטערן.

אין מאַי 1937 איז אין תל־אביב אַדורכגעפירט געוואָרן אַן איבעראַשנדער אַקט: עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אַרבעטס־אָפּמאַך צווישן דער מועצת פועלי תל־אביב (תל־אביבער אַרבעטער־ראַט) און דער „הסתדרות העובדים הלאומית״ בנוגע אַ געוויסן אַרבעטס־געביט, און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ געמיינזאַם אַרבעטס־ביוראָ פאַר עפנטלעכע און בוי־אַרבעטן. פּראַקטישע טעמים האָבן באַוואויגן די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער מסכים צו זײַן אויף אַ רעגולירטער אַרבעטס־איינטיילונג אין געוויסע שטחים. פאַרשטייט זיך אַז קיינער פון די צדדים האָט נישט, גערעכנט אין שייכות מיט דעם, עפּעס נאָכצולאָזן פונם ביטערן אידעאישן קאַמף. אדרבה, דערדאָזיגער קאַמף האָט אַרויסגעוויזן אַ נטיה זיך צו פאַרשאַרפן אַלץ מער און מער. גורם געווען צו דער פאַרשאַרפונג האָבן די אַנטשיידענע פּאָליטישע אומשטאַנדן: די קעניגלעכע קאָמיסיע האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיגן אירע אַרבעטן, און אָפּ־קלאַנגען פונדערווייטנס האָבן אָנגעזאָגט, אַז זי זוכט אַ ראַדיקאַלע, ענדגילטיגע לעזונג פאַרן ארץ־ישראלדיגן פּלאָנטער אין דער ריכטונג פון צעטיילן דאָס לאַנד. אין די פּאָליטישע לאַגערן האָט דערוואַכט אַ קאַמף־און שטרייט־שטימונג נאָך איידער עס זײַנען פעסטגע־שטעלט געוואָרן קלאָרע שטעלונגען צו די פראַגן. אָבער לעת־עתה איז אויפגעבויט געוואָרן עפּעס אַ שטיקל פּראַקטישע בריק בנוגע געוויסע אַרבעטס־ענינים אין תל־אביב.

די מעשה האָט אַרויסגערופן אַ שטורם אין די בירגערלעכע קרייזן, וועלכע האָבן זיך נישט געריכט, אַז זייערע קעסט־קינדער,

די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער, זאָלן מאַכן אפילו אַ טיילווייזן „יד אחת״ מיט די „לינקע אַרבעטער״. זיי האָבן עס באַטראַכט כמעט ווי אַ פּאַראַט. נישט בלויז דער „הבוקר״, די טאָג־צייטונג פון די רעכטע בירגערלעכע קרייזן אין א״י, נאָר אויך דער „הארץ״, וועלכער זאָגט אויף זיך עדות, אַז ער איז ליבעראַל, האָט אונטער־געמורמלט און איז פול געוואָרן מיט דאגות און ספקות.

אויך ביי די רעוויזיאָניסטן גופא האָט עס אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם. דער רעוויזיאָניסטישער מיטגליד פון תל־אָביבער שטאָט־ראַט דר. מ. כהן האָט אויסגעדריקט זיין זאָרג פאַרן פאַר־שטייער פון ״הבוקר״ אויף אַזאַ אופן: „דאָס האַרץ זאָגט אים״, אַז דערדאָזיגער אָפּמאַך איז בלויז אַ סטראַטעגישער גאַנג צו דעראָבערן דעם קאָנגרעס, אָפּצוהיטן ווייצמאַנען, אַנצונעמען דעם פּלאַן פון חלוקה און קאַנטאָניזאציע א.אַ.וו.

עס איז דערשינען אַ ספּעציעלע בראָשור אונטערן נאָמען „עלי סדן״ („אופן שמידאייזן״), אַרויסגעגעבן דורך אַ פּראַקציע אין דער „הסתדרות עובדים לאומית״, אין וועלכער עס זיינען געוועזן זייער באַלערנדע רייד מכוח דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע״. דידאָזיגע רייד זיינען באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל עס זאָגן זיי אירע מיטגלידער און תלמידים:

„דער נייער ציוניזם, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „מלוכהשער״ — — — איז אַ לילִיפּוטישע ביוראָקראַטיע, וועלכע היט אירע פּאָזיציעס און וואַרפט אָפּ יעדע זאַך, וואָס קען אַביסל אויפטרייסלען איר רואיגע באַקוועמלעכקייט. — — — עס הערשט אַ שטילקייט, וואָס ווערט צייטנווייז געשטערט דורכן פּילפּעדער־סקריפּען פון די טשינאָווניקלעך און דורכן פּושקע־קלאַפּן פון שנאָרערס, איינגעהילטע אין אַ בלוי־ווייסן טלית. — — — תאוה צו גבאות, וועלכע ברענגט אגב אַריין געהאַלט יעדן חודש... און מעג עס זיין אַ גוף אָן אַ נשמה, מעג עס זיין אַן אָרגאַניזאַציע אָן פּרינציפּן — דער עיקר: די שילד זאָל זיין, וואָרום אין דער שילד שטעקט די ברכה פון געהאַלט״.

און נאָך:

„דער שקר קען קיין קיום נישט האָבן, אויך דער פּאַלש פון דער הסתדרות עובדים לאומית וועט איניגיכן

אַרויפשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. די „הסתדרות עובדים לאומית" וועט דאַרפן דורכפירן אַ חברים־ציילונג כדי פעסטצושטעלן דעם פּראָצענט, וואָס קומט זיי אין די אַרבעטן, וועלכע עס נעמט אַרום דער אָפּמאַך. דאָ וועט אַלץ קלאָר ווערן — עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אַ סך חברים, וועלכע מען האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשאַצט אין די טויזנטער, זיינען פאַראויס־געלאָפן זייערע פירער, און זיינען שוין לאַנג מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע — פון דער הסתדרות הכללית; אַז אַ טייל פון די, וואָס וועלן איצט געציילט ווערן איז שוין ממילא אופן האַלבן וועג צו דער דאָזיגער הסתדרות" — — — און „מיר רופן אויס צו די פירער־ליליפּוטן: אַוועק אייערע טמאדיגע הענט פון דער הסתדרות עובדים לאומית!"..

דער אָפּמאַך מיט דער הסתדרות — צוליב וועלכן עס איז אויסגעבראָכן דער גאַנצער טומל — איז אַרויסגערופן געוואָרן לויט דער מיינונג פון די מחברים פון דער דערמאָנטער בראָשור, דורך דריי סיבות: א) דער פּאַראַט פונם „פאַרבינדעטן" — דעם בירגערלעכן בלאָק אין תל־אביבער שטאָט־ראָט. „נאָכדעם ווי ער, דער פאַרבינדעטער, האָט אונז אויסגענוצט פאַר זיינע באַדער־פּענישן, האָט ער אונז געשיקט צום טייוול". ב) די שטרעבונג צו רו, די מורא פאַר וועלכע־ניט־איז אויפטרייסלונגען, פאַר אַ שטורם, וועלכער קען זיי (די „פירער־ליליפּוטן") אַרויסשליידערן פון דער רואיגער ביוראָקראַטישער בלאָטע. ג) „די פאַרצווייפלונג און דאָס פעלן פון גלויבן אין אונזערע אידעען און אין דער עווענטועלער מעגלעכקייט פון אונזער נצחון, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אונזערע רייען און האָבן פאַרכאַפּט סיי די פירער און סיי די פשוטע חברים".

און נאָך עפּעס — אַ תמציתדיגע שילדערונג פון דער געשטאַלט פון אָפּיציעלן רעוויזיאָניזם:

„נאָך אַ פעדלער איז צוגעקומען צום אַלגעמיינעם כאָר פון די פעדלער — אַ חוצפּהדיגערער פון אַנדערע, און דערצו איז זיין סחורה פאַרשידענפאַרביגער. ער האַנדלט מיט אַלץ... אידן, איר ווילט רעליגיע — איך פאַרטיידיג רעליגיע, גיט געלט! איר ווילט אַ אידישע מדינה אויף ביידע זייטן ירדן — איך בין פאַר דער

מדינה, גיט געלט! איר ווילט קרבנות — איך האָב קרבנות: שמולעוויטשעס בלוט, דונגיס בלוט און נאָך — גיט געלט! איר ווילט סימבאָלן פון גבורה — שיקט געלט אויפן אַדרעס פונם פאָנד, וואָס זיין נאָמען דערמאָנט דאָס אָרט וואו עס איז געקומען צום אויסדרוק אידישע גבורה (ד. ה. קרן תל־חי). און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מיר האָבן אַ לעבעדיג פאַרמעגן. מיר פאַרמאָגן אַ גרויסן פירער, אַ פירער וואָס בלויז איין מאָל אין אַ סך דורות איז דאָס אידישע פאָלק זוכה צו האָבן אַזוינעם״...

אַזוי האָט דער רעוויזיאָניסטישער גולם אויפגעהויבן די האַק אויף זיין באַשעפער. די געוואוינהייט צו זידלען און שימפן און פאַרמיאוסן אָן אַ מאָס און אָן אַן אָפּהאַלט אָן אַ טראָפּן דרך־ארץ און מענטשלעכע באַציאונג, יעדערן וואָס זאָגט נישט „קדוש־קדוש״ אויף דעם וואָס זיי זאָגן „קדוש״, — די דאָזיגע געוואוינהייט האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אויך אינעווייניג, געגן די רעוויזיאָניסטישע פירער און דערציער גופא, און אַפילו געגן ד ע ם „פירער״ בכבודו ובעצמו.

אמת, נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין אחימאירס „אלף בית פון רעוואָלוציאָנערן ציוניזם״ פעסטגעשטעלט געוואָרן דער כלל: „ווער עס איז מיט אונז מסכים בלויז אין 99 פראָצענט — איז אונזער געגנער״. און די שטרעבונג פון די בריונים איז שוין פון לאַנג געווען — פטור צו ווערן פון זשאַבאָטינסקין. אָבער ביז־וואָס־ווען „איז אין גלות שווער צו קעמפן געגן זשאַבאָטינסקין. די יוגנט איז צופיל פאַרבונדן מיט זיין נאָמען״. „לעת עתה קענען מיר זיך נישט דערלויבן צו ווערן אַרויסגעטריבן פון דער רעוויז־יאָניסטישער אָרגאַניזאַציע״. „אויב מען וועט אונז אויסשליסן מיט זשאַבאָטינסקיס הסכמה — וועט עס זיין אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אונז״ (פון יעווינס אַ בריוו צו אחימאירן).

זומער 1937 האָט זיך געשטאַרקט די ברויזונג אין דער רעוויזיאָניסטישער מחנה, די בריונישע שטרעמונג האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און איז דערגאַנגען אין איר בונט ביז אַ שאַרפער און אָפענער גרינגשעצונג פונם פירער, נישט רעכענענדיג זיך מיט „אל תגידו בגת״. אָבער די ראָד האָט זיך דאַן געהאַט אַ דריי געטון. דאַן איז שוין זשאַבאָטינסקי געווען דער, וואָס האָט זיך נישט

געקענט דערלויבן צו זעגענען זיך מיט זיינע חברים, די „מאַקסי־מאַליסטן״. זיי האָבן אים געשטויסן און געבריקעט, און ער האָט אַראָפּגעשלונגען די חרפה און געמאַכט אַ שווייג. ער האָט איינגער־רעדט און מקרב געווען סיי די און סיי יענע, און ער האָט זיי אַלעמען איינגעשפּאַנט אינם רייטוואָגן פון דער גרויסער העצעריי, וועלכע האָט זיך באַנייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע פון דער חלוקה.

ו. בלוט־העצעריי

אויף תשעה באב תרצ״ז (פאַראַיאָרן) איז דערשינען אין תל־אביב אַ רעוויזיאָניסטישע בלאַט אונטערן נאָמען „אל חורבן שלישי״ („צו אַ דריטן חורבן״) מיט אַן אַרטיקל פון פּ. י. „דער אינערלעכער פאַראַט״ דער שרייבער פונם אַרטיקל צילט זיינע גיפט־פיילן אין „דעם איינעם, וואָס געפינט זיך איצט, צו אונזער באַדויערן און פאַרדרוס, אינדערשפּיץ פון דער אַגענץ״, און „דער־דאָזיגער מענטש״ „שווייגט אַ טויטשווייגעניש, ער לאָזט נישט אַרויס פון מויל קיין איין קלאַנג, קיין איין קלאַנג״. „נאָכדעם ווי ער האָט פאַראַטן דאָס אידישע פאָלק און אַלע זיינע טויזנט־יעריגע האָפענונגען; נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אַלע באַגערן און תפלות פון פאָלק — איז ער פאַרקראָכן אין זיינע ד׳ אמות, ד׳ אמות פון פלאָוויוס, און ער שווייגט. די שווייגעניש פון דעמדאָזיגן הער איז אַ קלאָרע, זייער אַ קלאָרע! — — — מיר האָבן די גאַנצע צייט געשפּירט, אַז דער מענטש וועט ברענגען אַן אומגליק אויפן ציוניזם״ — — — און „די הערשנדע פאַרטיי״ — „זיי האָבן שוין אַרויסגעגעבן זייער באַשטעטיגונג אויפן פאַראַט פון פראָפ. חיים פלאָוויוס״ — — — „אין דעם פאַראַט איז שולדיג נישט בלויז וויצמאַן, וועלכער האָט געטון דאָס זייניגע לויטן באַפעל פון בריטישע פּאָליטיקער, — עס זיינען אויך שולדיג די אַלע, וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפן און די גאַנצע צייט אונטער־געשטיצט. די אחריות פאַרן אומגליק פאַלט אויך אויף זיי און נישט בלויז אויף אים. און זאָלן די אַלע, וואָס קעמפן כלומרשט געגן דעם פּלאַן פון דריטן חורבן, וויסן, אַז דער קאַמף זייערער איז

אַן אומזיסטער, אויב זיי וועלן נישט אַראָפּוואַרפן מיט שאַנד ווייצמאַנען פון זיין פּרעזידענטן־שטול, אויב זיי וועלן נישט אַלע „זיגער", פון בן־גוריונען ביז שערטאָקן, — משלח זיין פון די בענק־לעך". — — — „דאָס אומגליק קומט פון אינעווייניג און נישט פון דרויסן, — דעריבער דאַרף אונזער קאַמף זיין געווענדעט קודם כל געגן אינערלעכן שונא, אַנדערש וועלן די קעמפער נישט האָבן קיין דערפאָלג"...

די נאַר־וואָס ציטירטע ווערטער פון פ. י. זיינען שטויגענד ענלעך צו די ווערטער, וועלכע עס האָט געשריבן פּאָגרעבינסקי י. אין רעוויזיאָניסטישן „חזית העם" וועגן „מיסטער אַרלאָזאָראָוו" און וועגן „דידאָזיגע מענטשן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פאַרקויפן דעם כבוד פון אידישן פאָלק, זיינע רעכט, זיין זיכערקייט און זיין פּאָזיציע אין דער גרויסער וועלט", — אינם באַקאַנטן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אַ דרייסיג שעה פאַר דער דערמאָרדונג פון אַרלאָזאָראָוון.

צווישן די קאַפּיטלעך אין דעם מאמר פון פ. י. קומט אַ לאָזונג מיט גרויסע אותיות: „די צערייסונג־סכנה שטעקט נאָר אין די אינערלעכע פּאַרטייען. זאָלן זיי נישט וואַגן אויפצוהויבן דעם קאָפּ!". אויף די תל־אביבער ווענט זיינען אין דיזעלבע טעג דערשינען שוואַרצע אויפשריפטן: „אַ טויט די פאַרטייען"... (אַזוי האָט אויך בשעתו געשריבן א. צ. גרינבערג צו ה. יעווינען: „צו־וואָס רעאַגירן אויף דער רשעות פון אדום אינדרויסן, בעת מען דאַרף רעאַגירן אינעווייניג"...).

אין אַן אַנדער בלעטל („במערכה") האָט די „מאַכט" פון בית"ר פּראָקלאַמירט: „מען מעג אָן שום איבערטרייבונג פעסט־שטעלן, אַז דער איצטיגער זומער איז געווען איינער פון די פרוכט־באַרסטע זומערס אין דער געשיכטע פון בית"ר". און עס איז ווירקלעך אַזוי, אָן קיין שום ספק. עס זיינען איינס נאָכן אַנדערן דערשינען בלעטער און בלעטלעך מיט פאַרשידענע נעמען: „אל חורבן שלישי" (צו אַ דריטן חורבן), „במערכה" (אין קאַמף), „סדן" (קאָוואַדלע), „אסירי עכו" (די אַרעסטאַנטן פון עכו), „ליום הדין" (צום יום הדין), „לחזית" (צום פראָנט). די אַלע אויסגאַבעס האָבן אַנטהאַלטן אַ בלוטיגע העצעריי געגן ווייצמאַנען, בן־גוריונען,

שערטאָקן, ב. דזשאָזעפן, דוב האָזן, געגן די מיטגלידער פון ועד הלאומי א.אַ.וו. „אַ כאָפּטע באַנקראָטשיקעס", „אַלטע מסורניקעס", „פאַרעטער", „זיי שטרעבן צו זען פאַרגאָסן ברודער־בלוט" א.ד.ג. ווידער אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „אָט דער מענטש ווייצמאַן", אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן ציניזם און ליגן און פאַלשקייט און אומגלויבן און צביעות, און „געהיימער פריינט", און — „דאָס מיס־טעריעזע אין די פאַרבינדונגען פון ווייצמאַנען מיט דער בריטישער רעגירונג בלייבט ווייטער מיסטעריעז". און ווידער שערטאָק: דאָס „וואונדערקינד" פון דער אַגענץ (אין 1933 האָט י. פּאָגרעבינסקי גערופן אַרלאָזאָראָוון — „דער רויטער ינוקא"), — „שערטאָק איז פאַרנומען מיט אונטערטראָגן מסירהלעך", „דאָס געבאָט — „מסר נישט" איז אויף אים נישט חל", „ער איז באַשעפטיגט מיט אַ גראַנ־דיעזער אינסצעניזירונג פון אַ מסירה. און טאַקע באַלד נאָכדעם זיינען פאָרגעקומען די באַקאַנטע אַרעסטן אין ירושלים און אין תל־אביב".

און אין „הירדן", — אין דעם נומער וואו עס זיינען געוועזן אַרטיקלען סיי פון זשאַבאָטינסקין, סיי פון שעכטמאַנען און אַלט־מאַנען, און סיי פון אחימאירן, — איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ „וויג־ליד אויף תרצ"ח". זיבן פערזן האָט דאָס „געדיכט" — 28 שורות, און זיבן רעפריינס צו די זיבן פערזן — 14 שורות. אין די 28 שורות רעדט זיך מיט גיפט און מיט שפּאָט וועגן אינעווייניגסטן שונא; וועגן פאָלק וואָס חלומט מכוח נאָך אַ דונאַם און זיין הויז האָט ער, אָן בושה און אַפילו אָן שכר, צו פרעמדע פאַרקויפט; וועגן אויס־שלאָגן פּרנסה פון קיבוץ; וועגן דער אמונה אין אַ טוץ אַלטע באַאַמטע, און — אויך וועגן דעם, אַז „פאַר יעדן קרבנות־מנין וועלן מיר אויפשטעלן אַ נייעם בנין". און אין די 14 שורות חזרט זיך כסדר איבער דערזעלבער פזמון: „שלאָף מיין קינד, דיין פאָלק — געשענדט, חיים ווייצמאַן איז אַן אַגענט" („נומה בני, בן עם מסכן, חיים וויצמן בו סוכן"), ערשט צום סוף ליד ענדערט זיך אַביסל דער נוסח: „דערוואַך מיין קינד, דיין פאָלק — געשענדט, האָט דעם ווייצמאַן דעם אַגענט!"...

דאָ האָבן מיר די גאַנצע קאָמפּאַניע צוזאַמען: זשאַבאָטינסקי, אחימאיר און דער מחבר פונם „ליד" — וואָס דער פּשט דערפון

איז פשוט מאָרד־העצערײַ. אָבער גלײַכצײַטיג דערשײַנט דאָ „דער הײַליגער ליגן". ממש אין דעמזעלבן נומער איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן „אַ בריוו צו די געגנער", אַ מין „האַנט־אויסשטרעקונג צו שלום"... אין וועלכן עס שטײט געשריבן: „עס איז געקומען דער מאָמענט, איר זאָלט אַרויסווײַזן גענוגנדן גײַסטיגן און פּער־זענלעכן מוט און דערקלערן אָפן און קלאָר, אַז איר האָט געזינדיקט און געבלאָנדזשעט". „נאָר דורך דער בילדונג פון אַ גרויסן פראָנט צוזאַמען מיט אונז, נאָר דורך אָננעמען אונזער פּאָליטישע ליניע, — איז מעגלעך צו ראַטעווען די לאַגע", „איז דען איצט די פּאַסיגע צײַט צו פאַרגרעסערן און פאַרטיפן דעם תהום, וואָס ליגט צווישן אונז? איז דען איצט אַ געהעריגער מאָמענט פאַר אָנפאַלן און בלבולים צוליב פּאַרטײַ־קאַפּיטאַל?" „הערט אויף צו פאַרגרעסערן דעם תהום און באַ־מיט זיך אויך איר אַריבערצווואַרפן אַ בריק איי־בערן תהום פון דער פאַרגאַנגענהײט". אָט די שורות זײַנען געדרוקט געוואָרן האַרט נעבן דעם דערמאָנטן ליד, אויף דעם שכנותדיגן שפּאַלט!

אַ וואָך שפּעטער האָט דער „הירדן" געמאָלדן, אַז די רע־דאַקציע האָט באַקומען אַן אָנווײַזונג פונם „ועד המורשים" אָפּצו־שטעלן אין דער טעטיקײַט דעם מחבר פונם „שיר". מיר ווײסן נישט, צי די ליטעראַרישע טעטיגקײַט פונם גראַמענמאַכער איז טאַקע אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָדער בלויז דער פּסעוודאָנים זײַנער איז נעלם געוואָרן, — אָבער מיר ווײסן יאָ, אַז עס איז עד היום נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן די טעטיגקײַט פון באַקאַנטן דר. וואָלפאַנג פאָן־ווײַזעל, וועלכער האָט, אַ געוויסע צײַט פאַר דעם, פאַרעפנטלעכט אין „הירדן" אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „ווײַצמאַן פאַרקויפט עפנטלעך זײַן פאָלק", אין וועלכן עס זאָגט זיך: „עס איז נאָך קײנמאָל נישט געווען אין דער וועלט אַזאַ שענדלעכער און פחדנותדיגער פירער און פאַרפירער ווי דערדאָ־זיגער ווײַצמאַן". און נאָך:

„אידן, הערט צו: וויאַזוי הײסט דער מענטש, וואָס איז מפקיר אַ טײל פון זײַן פאָטערלאַנד צוליב געלט? — פאַרעטער!

„וויאַזוי הײסט דער מענטש, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו ראַטעווען

די פאָלקס־מאַסן, כדי ער — פּריוואַט, זאָל קענען מאַכן גוטע געשעפטן? — פאַרעטער!"

„וויאַזוי הייסן די אויסוואורפן, וועלכע זיינען גרייט — „צוליבן קריזיס" — מסכים צו זיין צו דער פונאַנדערייסונג פון ארץ־ישראל און מפקיר זיין ירושלים און יריחו, חברון און שכם, עזה און יפו, מודיעין און ביתר, דעם גלבוע און דעם גלעד? — פאַרעטער!"

„און וויצמאַנען, וועלכער שטייט אין זייער שפּיץ — ווי וועט איר אים אָנרופן?.. נישט אַנדערש, נאָר: עמיר חיים וויצמאַן, וואָרום עבדאללה און חיים, — זיי ביידע זיינען די איינציגע, פאַר וועמען עס איז געוואונשן אַ אידישע מדינה פון ביידע זייטן ירקון".

פאָן־וויזעלס טעטיגקייט איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. נאָכמער: אין דעמזעלבן נומער „הירדן", וואו מען האָט אונז אָנגעזאָגט די בשורה מכוח אָפּשטעלן די טעטיגקייט פון דעם גראַמענמאַכער, איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון ב. אליצדק וועגן וויצמאַנען, וועלכער ווערט דאָרט געגליכן „צו די יעווסעקציע־לייט, צו די שונאי־ציון און שונאי־ישראל אין רוסלאַנד", ווייל אויך אים, וויצמאַנען, „אַרט נישט, אויב דאָס גאַנצע פּוילישע, רומענישע א.א. אידנטום זאָל אונטערגיין און אומקומען, אַבי ער זאָל ראַטעווען די אידישע יוגנט" — — — „און וועלכע יוגנט וויצמאַן מיינט צו ראַטעווען — ווייסן מיר דאָך שוין פון דער־פאַרונג, דאָס איז די סאָציאַליסטישע, בונדיסטישע און (האַלב־אָדער גאַנץ) קאָמוניסטישע יוגנט, וועלכע שטראָמט אויך איצט — אַדאַנק די חסדים פון מפא"י — קיין ארץ־ישראל".

די שטראָמען שמוציגער גיפט גיסן זיך און גיסן זיך אָן אויפהער ביז היינטיגן טאָג.

ז. טעראָר

אָנהויב תרצ"ח (סעפּטעמבער 1937) זיינען פאָרגעקומען עטלעכע מאָרד־אָנפאַלן אויף אַראַבער אין געגנטן פון אידישע ישובים (ביי חדרה און כרכור, אין תל־אביבער גאַסן, אין דעם

אידישן קוואַרטאַל אין ירושלים). די אַראַבער און די מאַכט־אָרגאַ־נען האָבן עס צוגעשריבן אידן. די אידן האָבן זיך נישט געאײַלט צו מאַכן זיכערע פעסטשטעלונגען, אָדער עס האָט געהערשט אַ קלאָרע מיינונג, אַז אויב טאַקע אידן האָבן עס געטון — אַלס „רעאַגירונג" אויף די פילע מאָרדן מצד די אַראַבער — איז עס געטון געוואָרן נישט דורך קיין אַנדערע ווי נאָר דורך בריונים, וועלכע ברעכן אומפאַראַנטוואָרטלעך די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין אין ישוב און פּרווון „מאַכן פּאָליטיק" זעלבסטשטענדיג, געגן דעם ווילן פון דער אַבסאָלוטער מערהייט פונם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל. אַ גרויסער אויפרוף פון דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", וועלכער איז פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אין די גאַסן, און אויך פאַרשידענע רעוויזיאָניסטישע פלוגבלעטער האָבן גערעדט וועגן דער זאַך אין אַזאַ סטיל, וואָס האָט פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז טאַקע פון דידאָזיגע קרייזן שטאַמען די בריונים־מערדער, וואָס אַנשטאָט צו טרעפן זיך פנים אל פנים מיט די אַראַבישע מערדער, וועלכע גרייפן אָן פאַרשידענע אידישע פונקטן, און זיך מוטיג און דרייסט צו פאַרטיידיגן אין די געפערלעכע ערטער, — האָבן זיי אויס־געקליבן אַ גרינגען און שענדלעכן וועג: צו שיסן פון באַהעלטעניש, פון הינטער אַ וואַנט אין שטאָט אָדער פון הינטער אַ פלויט אין קאָלאָניע, אויף פרידלעך־דורכגייענדיגע אַראַבער.

און אין סאַמע מיטן רעדן און שרייבן וועגן דעם ענין, אין סאַמע מיטן צווייפלען און נאָכטראַכטן צי זאָל מען טאַקע אָט די מיאוסע מעשים צושרייבן די רעוויזיאָניסטישע בריונים — איז אין תל־אביב (דעם 12 סעפּטעמבער) פאָרגעקומען דער דערשיטערנדער בריונישער אָנפאַל אויפן שמש פון בנק־הפועלים, בעת וועלכן מען האָט געפּרוווט צורויבן ביי אים עטלעכע טויזנט פונט. פון צווישן די פינף באַשולדיגטע אין אָנפאַל האָבן צוויי נעמען, דבירי און קיפּניס, דערמאָנט דער עפנטלעכקייט דעם פּראָצעס פון אַרלאָזאָראָוו־מאָרד און דעם ברית הבריונים. דבירי איז דאָן פאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ פּאָר חדשים פאַר אָנגעהערן צום „הבריון". איצט איז דבירי, צוזאַמען מיט צוויי פון זיינע חברים, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט בשעתן אָנפאַל אויפן שמש, פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי יאָר תפיסה.

דאָסזעלבע וואָס די רעוויזיאָניסטן האָבן בשעתו געטון תיכף נאָכן אַרעסטירן סטאַווסקין, האָבן זיי געטון אויך איצט — זיי האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די דורכגעפאַלענע בריונים. צוזאַמען מיט דער ערשטער ידיעה וועגן פאָרפאַל איז אין „הארץ" און אין „הבוקר" דערשינען אַ מעלדונג, אַז דבירי מיט זיינע חברים זיינען פון לאַנג אויסגעשלאָסן פון דער רעוויזיאָניסטישער פאַרטיי. די מעלדונג האָט, נאַטירלעך, פאַרשוויגן איינציגע אינטערעסאַנטע פאַקטן: איינער פון די באַשולדיגטע איז ע ר ש ט אַ פּ אָ ר חדשים פ אַ ר ד ע ם געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון אַ בית"ריש בלעטל, וואָס איז שאַרף אַרויסגעטרעטן געגן דעם אַרבעטס־אָפּמאַך אין תל־אביב; ביי אַלע באַשולדיגטע האָט מען געפונען רעוויזיאָניסטישע „דינרים" ווי אויך רעוויזיאָניסטישע ליטעראַטור און אויפרופן פון „הבריון".

אָבער דאָס „פאַרשווייגן" האָט נישט געשמעקט די „בעלי־דבר" גופא. עס האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די רעוויזיאָניס־טישע פאַרטיי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אירע קינדער און תלמידים, וועלכע האָבן געפּרווט פאַרווירקלעכן אין לעבן די תורות, וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך במשך יאָרן. און זיי, וועלכע האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק גערופן „ברית ציונים מהפכנים" (ב.צ.מ.) — פאַרבאַנד פון רעוואָלוציאָנערע ציוניסטן, — האָבן איצטער, אונטערן נאָמען „ועד הציונים המהפכנים הלאומיים" (קאָ־מיטעט פון די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע ציוניסטן), אַרויסגעלאָזט אַ דעקלאַראַציע, וואו זיי האָבן עפנטלעך זיך אָפּגערעכנט מיט די רעוויזיאָניסטישע „מכובדים":

„שוין יאָרנלאַנג האַלט מען אין נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע קרייזן, אַז די הערן אָפיציעלע רעוויזיאָניסטן זיינען אַלע צוזאַמען נישט מער ווי אַ שפּיל, פונקט ווי די סתם־ציוניסטישע מכובדים. עס שיידט זיי אונטער פון יענע בלויז דאָס, וואָס זיי זיינען אָפּגע־רוקט פון די פעטע פלייש־טעפּ פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע. — באַזונדערס איז די יוגנט געפאַלן אַ קרבן פון די רעוואָ־לוציאָנערע מליצות פון די רעוויזיאָניסטישע פירער, וועלכע דרייען זיך איצט אַרויס פון דערפילן זייער צוזאָג, וואָס זיי האָבן געגעבן דער יוגנט צו פירן זי אין אַ מלחמת־מצוה — אין אַ הייליגן

קריג. — — די רעוויזיאָניסטישע מכובדים האָבן אַליין אַנטפּלעקט זייער וועזן. היינט שטייען זיי פאַר אונז אָפן אין זייער גאַנצן מהות: אַלס מוסרים, צבועקעס, צעקראָכענע פּחדנים און פּאַרטיי־בענקלעך־זיצערס״.

„אין תל־אביב האָט אַ אידישער יונגערמאַן, אַ קעמפער פאַר דער פאָלקס־פרייהייט, געפּרוווט צונעמען אַ סומע געלט פון אַ באַנק־שליח — פון אַ שליח פון דער משפחה סאָציאַליסטישע פאַרעטער — כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס געלט זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון די מאָסקוועך רויטע; כדי צו ווירקן, אַז דאָס געלט זאָל אויסגענוצט ווערן לטובת דער באַפרייאונג פון פאָלק און פון זיין לאַנד, לטובת דער באַשיצונג פון אידישן פאָלק געגן דעם אַראַבישן בלוטיגן טעראָר. דער אידישער יונגערמאַן איז אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון דער בריטישער פּאָליציי. וואָס־זשע האָבן געטון די רעוויזיאָניסטישע מכובדים? דאָס וואָס זיי טוען אין אַ סך אַנדערע פאַלן און אין וואָס עס דריקט זיך בכלל אויס זייער אַקטיוויטעט: זיי גיבן אָפּ דערקלערונגען. היות ווי ס׳האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ פּחד, טאָמער קען מען זיי חס ושלום חושד זיין, אַז זיי זיינען פעאיג צו אַזעלכע מעשים, ווי עס האָט געפּרוווט טון מיט מסירות נפש אונזער יונגער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער חבר, — ברומען זיי אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין, אַז זיי האָבן מיט אים קיין שייכות נישט און זיי האָבן אים שוין פון לאַנג אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. יאָ, מיר גלויבן זיי, אַז זיי האָבן מיט דעם יונגענמאַן קיין שום שייכות נישט. זיי זיינען בלויז מסוגל — צו זיצן אין לאָנדאָן און קלאַפּן אויף שרייבמאַשינען און צו מאַכן, אויף פאָלקס־געלטער, נוצלאָזע נסיעות כדי צו ווייזן ווי ווייט און טיף זיי האָבן באַהערשט די חכמת הדיפּלאָמאַטיע. זיי האָבן, היסטעס, מודה געווען, אַז זיי זיינען צע־קראָכענע פּחדנים, אויף וועלכע איין גאָט קען זיך דערבאַרמען. אָבער מוסרים זיינען זיי אויך״ — „די הערן, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר „קרן תל־חי״, און שלעפּן פון פאָלק געלט, וואָס בלייבט אין די קעשענעס פון די באַאַמטע, ווייל אויף מער קלעקט נישט״. „קריצט־זשע זיך דאָס איין אין האַרצן: דער אַרעסטירטער פרייהייטס־קעמפער איז

אַן איבערגעגעבענער חבר און פריינט פון די מענטשן, וועלכע האָבן איצט אויפגעבראָכן די ראַם פון ה ב ל ג ה און האָבן אָפּגעהאַלטן די בלוטיגע רציחות פון אַראַבער אויף אידן אין אידישן לאַנד, מיט דעם וואָס זיי האָבן נקמה־גענומען און באַצאָלט פּילפּאַך פאַר יעדן אידישן קרבן וואָס איז געפאַלן. דערמיט האָבן זיי אויפגעטון אַ גרויסע זאַך: די אַראַבער, וועלכע וואָגן שוין מער נישט צו מאָרדן אידן, שיסן אויף די ענגלישע באַאַמטע און צווינגען די בריטישע רעגירונג אָנצונעמען מיטלען". — „אידישע יוגנט, דערקען דעם אמת און לאָז דיך נישט מער פאַרפירן פונם פאַלשן נאַציאָ־נאַליזם פון צבועקעס, מוסרים און פאַרטיי־מכובדים".

די בונטאַרישע ברויזונג איז נישט פאַרבליבן אין די ענגע תחומים פון די בחורים, וועלכע זיינען אַרויס פאַרטיידיגן זייער יונגען חבר, וואָס האָט געפּרווט „צונעמען ביי די רויטע עטלעכע טויזנט פונט". עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מער אָנגעזעענער „אַקטיוויסטיש־רעוויזיאָניסטישער פראָנט", וואָס מען איז געווען געצוואונגען צו פאַרעפנטלעכן זיינע רייד אין דער אָפּיציעלער רעוויזיאָניסטישער פּרעסע. און אָט דער „פראָנט" האָט זיך גענומען ברייטער און שטאַרקער קריטיקירן די וועגן פון דער רעוויזיאָניסטי־שער אָנפירונג.

ה. „אַקטיוויסטישער פראָנט"

צווישן די זאַכן וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די „אַקטיוויסטן", איז אויך געווען די נטיה ביי אַ טייל רעוויזיאָניסטן שלום צו מאַכן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דעצעמבער 1937 זענען אין דעם זין פאָרגעקומען אין וואַרשע געשפרעכן צווישן איינעם פון די פירנדע מענטשן אין פוילישן ציוניזם — ד"ר מ. קליינבוים און צווישן דר. שעכטמאַן, פון דער רעוויזיאָניסטישער אָנפירונג. די געשפרעכן האָבן געטראָגן אַ פּריוואַטן, נישט־בינדענדן כאַראַקטער, אָבער דר. שעכטמאַן האָט בעת־מעשה אונטערגעהאַלטן אַ כסדרדיגע טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט זשאַבאָטינסקין, און מען מעג משער זיין, אַז אָן זשאַבאָטינסקיס הסכמה וואָלט שעכטמאַן נישט געהאַט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל פונם סומירנדן

געשפרעך. אין דעמדאָזיגן סומירנדן געשפרעך זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדע הנחות:

די באַדערפניש אין אָרגאַניזאַציאָנעלער אייניגקייט פון דעם גאַנצן ציוניסטישן לאַגער. גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן פון אַלע פאַרטייען אין ציוניזם, געמיינזאַמע טעטיגקייט און קאָאַליציע און געגנזייטיגע אחריות פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט. פאַרבי־ליגערונג פון שקל. די באַטייליגונג פון די רעוויזיאָניסטן אין איין־און־צוואַנציגסטן קאָנגרעס און אין זיין צוגרייטונג. אַנטייל פון די רעוויזיאָניסטן אין די שקל־קאָמיטעטן, אין די עליה־מעגלעכקייטן, אין דער פאָליטישער קאָמיסיע. ערלעכער וואַל־קאַמף. קאָנסאָלי־דאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויפן יסוד פון אַלעמענס באַטייליגונג אין אירע אַרבעטן, אין דער אחריות און אין דער זאָרג פאַר דיסציפּלין, וועלכע זאָל חל זיין אויף פאַרטייען און יחידים, סיי אין ציוניזם און סיי אין ארץ־ישראלדיגן ישוב.

דאָס הייסט, אַז דער פאַרטרעטער פון די רעוויזיאָניסטן האָט דאָ, אין תוך גענומען, מסכים געווען אויף די אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן אויף זיי נישט געוואָלט מסכים זיין בעת זייער פאַרלאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז די „אַקטיוויסטישע" טיילן אין רעוויזיאָניזם, וועלכע זיינען געווען גאָר שטאַרק אומצופרידן פון אַזעלכע שלום־נטיות, האָבן באַלד אויסגענוצט אַלע זייערע איינפלוס־מיטלען, און נאָך איידער דער דערמאָנטער פּראָטאָקאָל איז אָנגעקומען אין די געהעריגע אינסטאַנצן אויף באַטראַכטונג — איז שוין דורך דער אידישער טעלעגראַפן־אַגענטור פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ מעלדונג פון דער רעוויזיאָניסטישער אָנפירונג אין לאָנדאָן וועלכע גיט צו וויסן, אַז „מצד ציוניסטישע פירער, וואָס שטיצן אונטער די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ אין ארץ־ישראל, זיינען לעצטנס געמאַכט געוואָרן אָפטע פּרווון אויס־צונוצן זייערע פּריוואַטע געשפּרעכן מיט איינצלנע רעוויזיאָניסטן כדי משפיע צו זיין אויף דעם רעוויזיאָניסטישן פאַרבאַנד, ער זאָל זיך ווידער אָנשליסן און פאַראייניגן מיט דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע". „דידאָזיגע פּרווון זיינען פאַרמשפט אויף פולשטענ־דיגער פרוכטלאָזיגקייט, ווייל די איינציגע פאָרם, וואָס גאַראַנטירט

ווערטפולע רעזולטאַטן ביי אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען — איז אַ קאָנ־פערענץ ביי אַ רונדן טיש".

נאָך אַ קלאָרערן באַגריף וועגן דעם, וואָס ביי זיי קומט פאָר, באַקומען מיר איבערלייענענדיג די דעקלאַראַציע פון „אַקטיוויסטיש־רעוויזיאָניסטישן פראָנט", וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „למען המולדת" (וואָס איז דערשינען אָנשטאָט דעם אָפּגעשטעלטן „הירדן") דעם 17־טן יאַנואַר 1938. אַ גרופּע „קצינים" („אָפיצירן") און מיטגלידער פון רעוויזיאָניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פוילן, (צווישן זיי אויך דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, און אויך דער באַקאַנטער אברהם סטאַווסקי), וועלכע פּראָקלאַמירט זיך: „מיר זיינען די גייסטיגע זין פון זשאַבאָטינסקיס אייזערנער שרייבמאַשין", טרעט אַרויס מיט טענות געגן דער רעוויזיאָניסטישער עקזעקוטיווע, אַז זי האָט אָנגענומען אַן אַבסאָלוט פּראָבריטישע אָריענטאַציע; אַז זי האָט לגמרי פאַרגעסן „דעם פּאָסטולאַט פון מאַסן־דרוק אויף די אויסערלעכע פּאָליטישע פאַקטאָרן"; אַז זי האָט געפירט אַ פּאָליטיק פון אומאויפהערלעכער רדיפה נאָך שלום און האָט דורכדעם פאַרנאַכלעסיגט די היסטאָרישע שאַנסן פאַר אַ זיגרייכן קרייץ־צוג געגן ליקווידאַטאָרישן ציוניזם". באַווייזן דערצו זיינען: א) דער שלום־פּאָרשלאַג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מפא"י צומאָרגנס נאָך סטאַווסקיס באַפרייאונג, „בעת די באַוועגונג איז געווען אין אַ גוטן מצב", 2) דער פאָרשלאַג פון אַ „רונדן טיש" אָנשטאָט „אַ רוף צו אַן אומרחמנותדיגן קאַמף געגן דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער אידישער אַגענץ" (נאָכן קאָנגרעס פון דער נ.צ.אָ. אין ווין). „די פאַרטיי־לייטונג האָט אָנגעהויבן פאַרשידענע אַקציעס, נישט אָפּגעבנדיג זיך קיין חשבון צי מען קען זיי רעאַליזירן; די דורכפאַלן, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי דידאָזיגע אַקציעס, האָבן געבראַכט צו אַ דיסקרעדיטאַציע פון אונזער באַוועגונג כלפי חוץ און צו אַן אָפּשוואַכונג אינעווייניג"; „אונזערע קאַמפּס־גרופּן אין ארץ־ישראל" — „זיינען נישט תמיד אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער פאַרטיי־לייטונג, און אַ פּאָר מאָל זיינען זיי פּשוט איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר, ווערנדיג אויסגעשטעלט זייער אייגענעם גורל"; „עס איז איינ־

געפירט געוואָרן אַ שיטה פון אויפצווינגען דער באַוועגונג אַזאַ אָדער אַנדערן צוזאַמענשטעל פון דער וועלט־עקזעקוטיווע״. — — —

עס איז אַ זייער שווערער באַשולדיגונגס־אַקט געגן דער רעוויזיאָניסטישער אָנפירונג. וואָס דאַרף זיין דער אורטייל אויף אַזאַ פאַרברעכערישער אָנפירונג? לאָמיר־זשע זען וואָס זאָגט, א י נ ם ז ע ל ב ן נומער „למען המולדת״, ב. אליצדק אויף אַן אַנדער „פאַר־ברעכערישע אָנפירונג״:

„אַ פאַרברעכער איז נישט בלויז איינער, וואָס טוט זיינע פאַראַט־מעשים צוליב זיין פריוואַטן נוצן, נאָר אויך אַזאַ, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון אַ געוויסער אידעע און טאַקע אין איר נאָמען איז ער אָוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון אַ געוויסער באַוועגונג, אָבער צוליב די אָדער יענע טעמים האָט ער אויפגע־הערט גלויבן אין דער אידעע און איז פונדעסטוועגן געבליבן שטיין בראש פון דערדאָזיגער באַוועגונג. אַ מענטש, וואָס הערט אויף צו גלויבן אין אַ געוויסער אידעע, דאַרף אָפּטרעטן פון דער באַוועג־גונג, וואָס פאַרטרעט זי. אויב ער טוט עס נישט, און אויב די באַוועגונג באַזייטיגט אים נישט, זיינען סיי ער און סיי די באַוועגונג פאַרעטער, וואָס מיסברויכן מיט זייער ראַל״.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געזאָגט געוואָרן וועגן ו ו י י צ־מ אַ נ ע ן און וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער דוכט זיך, אַז אָט דער פסק־דין פאַסט לחלוטין פאַר יענע, וועלכע זיינען אַזוי שאַרף קריטיקירט געוואָרן דורכן „אַקטיוויסטיש־רעוויזיאָ־ניסטישן פראָנט״... און אינדעראמתן איז לגבי איינעם פון אָט די פירער טאַקע אויסגעפירט געוואָרן אַזאַ סאָרט פסק־דין: אויפן „קאָנוועגט״ פון דער נ.צ.אָ. אין פראָג (פעברואַר 1938) איז דר. שעכטמאַן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער רעוויזיאָניסטישער אָנפירונג.

טאָמער־זשע וועט איר מיינען: בלויז סטאַווסקיס גרופּע איז אַזוי אַגרעסיוו — — —

ערב דעם „קאָנוועגט״ איז אויך א. בן־חורין, פון דער רעוויזיאָניסטישער אָנפירונג אין לאָנדאָן, אַרויסגעטרעטן געגן די, וואָס זיינען נוטה צו „אַ פּאָליטיק פון רדיפה נאָך שלום״, אָדער — לויט בן־חורינס דעפיניציע — „די חברים וואָס ווילן זיך אומקערן

צוריק אונטער די פליגלען פון די מפא״יניקעס און הבלגה־לייט״, ד.ה. „אומקערן זיך צו דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״.

פון בן־חורינס אַרטיקל ווערן מיר, אגב, געוואויר, אַז צווישן די רעוויזיאָניסטן איז אַנטשטאַנען אויך אַ „דעמאָקראַטישע פראַק־ציע״, וועלכע ער מאַכט צו שפּאָט. אירע הויפּט טענות זיינען:

א. די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי און די נ.צ.אָ. האָבן געליטן אַ דורכפאַל. עס איז זיי נישט געלונגען צו ווערן אַן אָרגאַניזירטער כוח און צו שאַפן געניגנדע מיטלען, כדי צו קענען פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער.

ב. דער נ.צ.אָ. איז נישט געלונגען צו באַקומען די אינטער־נאַציאָנאַלע אָנערקענונג און דעריבער קען זי נישט פירן דעם פּאָליטישן קאַמף אין נאָמען פון אידישן פאָלק.

ג. די אידישע מאַסן זיינען צו אונז נישט צוגעשטאַנען און מען זעט אויך נישט פון זייער זייט קיין נטיה דערצו אויף להבא.

ד. די אידישע אַגענץ איז, נישט געקוקט אויף אַלע אירע חסרונות, אויך איצט אָנערקענט אַלס די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ פון אידישן פאָלק אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע ארץ־ישראל.

ה. די אַלטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע אירע חסרונות, זעצט ווייטער פאָר דעם ארץ־ישראל־אויפבוי, און מיר האָבן דערין כמעט קיין חלק נישט״.

דידאָזיגע שווערע טענות פּטרט אָפּ א. בן־חורין מיט שה״י־פה״י:

„אויב אַפילו מיר וואָלטן במשך די לעצטע צוויי יאָר פון אונזער זעלבסטשטענדיקייט נישט געטון גאָרנישט נאָר בלויז פּראָקלאַמירט פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט און וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון עבר הירדן, וואָלט אויך געווען — דיינו! אויב אפילו מיר וואָלטן גאָרנישט געטון, נאָר בלויז מלחמה געהאַלטן געגן דעם פּלאַן פון דער ארץ־ישראל־צעטיילונג, אין נאָמען פונם אמתן גייסט פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָלט אויך געווען — דיינו! ווען מיר וואָלטן גאָרנישט געטון נאָר בלויז נישט דערלאָזן, אַז די הבלגה־שאַנד זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן ארץ־ישראלדיגן ישוב — איז אויך דיינו!״..

אין „השחר" פון 18 מערץ 1938 דערציילט ערי זשאַבאָ־טינסקי, דער „הופט־נציב" פון בית״ר אין ארץ־ישראל: „אויפן פּראַגער קאָנוועגט איז בולט געווען דער געגנזאַץ צווישן דער באַוועגונג אין ארץ־ישראל און דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אָט דער געגנזאַץ, וועלכער עקזיסטירט פון די ערשטע טעג פון אונזער באַוועגונג, האָט אונז געבראַכט אומצייטיגע דורכפאַלן און עגמת־נפשן". „מען מוז מאַכן אַ סוף דערצו. דער געגנזאַץ שטאַמט פון אומפאַרשטענדניש אָדער פון מאַנגל אין מוט".

ווייזט אויס אַז אין פּראַג איז דער סוף טאַקע געמאַכט געוואָרן. עס האָט געזיגט בן־חורין, עס האָבן געזיגט סטאַווסקי און זיינע חברים. די „דעמאָקראַטישע פּראַקציע" איז אונטערדריקט געוואָרן, דר. שעכטמאַן איז נישט געווילט געוואָרן אין דער אָנפירונג. דער פאַרשלאַג וועגן שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ליקווידירט געוואָרן, אין שפּיץ פון די ארץ־ישראלדיגע רעוויזיאָניסטן איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן דער „אַקטי־וויסט" דר. אַלטמאַן, און צו דער ארץ־ישראלדיגער „אַקטיוויסטישער" דעלעגאַציע האָט זשאַבאָטינסקי, אין זיין רעדע, געזאָגט איבער־בעטונגס־רייד, וועגן וועלכע דער רעוויזיאָניסטישער „הדגל" (25 פעברואַר) גיט איבער דאָס פאָלגנדע:

„בנוגע דער פּראַגע וועגן אַקטיוויסטישער טעטיקייט, דער־מאָנט זשאַבאָטינסקי זיינע יוגנט־יאָרן. דאַמאָלסט פלעגט מען לייענען ביכער וועגן אַוואַנטורעס און אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען. דאַמאָלסט האָט מען פאַרשטאַנען איינס, — אייגנטלעך דאָסזעלבע, וואָס מען זאָגט אויך היינט צו די', וואָס ריידן, וועגן דעם און וואָס ווילן האָבן אַ דעוויז: מען פרעגט נישט דעם טאַטן". — —

אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניגטער „אַקטי־וויסטיש־רעוויזיאָניסטישער פראָנט" פון לאָנדאָן ביז תל־אביב און ירושלים און ביז — ראש־פינה.

ט. קאַפּיטל ראש־פינה

דעם 21 אַפּריל 1938 האָט אַן אַראַבישער שאָפער געמאָלדן דער פּאָליציי אין ראש־פינה, אַז נישט ווייט פון דער קאָלאָניע האָט מען אויף אים אויסגעשאָסן פיר שאָסן. די פּאָליציי האָט געמאַכט

אַן אַרומזוכונג אין דער סביבה און אין עפּעס אַ באַרג־לאָך זיינען געכאַפּט געוואָרן דריי בחורים, זשוראווין, שיין און בן־יוסף — מיטגלידער פון בית״רישע פּלוגות אין ראש־פּינה. מען האָט ביי זיי געפונען געווער: אַ רעוואָלווער, 80 קוילן, 6 רער־באָמבעס און דעטאָנאַטאָרן. אַנטשפּרעכנד דער לאַגע פון אויסנאַם־צושטאַנד, וועלכער איז שוין פון פריער איינגעפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל, זיינען די בחורים איבערגעגעבן געוואָרן אין קריגס־געריכט. עס איז געווען קלאָר, אַז לויטן געזעץ פון קריגס־געריכט וועט אין אַזאַ פאַל אַרויסגעגעבן ווערן אַ טויט־אורטייל. און כאָטש די שטעלונג פון ישוב, אין זיין אַנטשיידנדער מערהייט, איז געווען אַ קלאָרע, אַז מען דאַרף מיט אַלע כוחות זיך געגנשטעלן אַזעלכע מעשים ווי פון די ראש־פּינה׳ער דריי בחורים, ווייל זיי ברענגען דעם ישוב שאַנד און אומגליק — האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע שטרעבונג אָפּצושרייען דעם גזר פון טויט־אורטייל. דער ישוב, וועלכער איז געשטאַנען שוין איבער צוויי יאָר אין פאַרטיידיגונגס־קאַמף און האָט זיך די גאַנצע צייט אָפּגעהאַלטן פון פּחדנותדיגע און טעמפּע נקמה־מעשים און פון זינלאָזע אָנפאַלן אויף סתם אַראַבישע דורכגייער — האָט געהאַלטן, אַז ער האָט פאַרדינט, מען זאָל נישט פאַראורטיילן צום טויט די יחידים, וואָס האָבן אָפּגעטון אַ זאַך געגן זיין ווילן און דרך, און אין זכות פון דערדאָזיגער איינשטעלונג פון ישוב — נישט אין בן־יוספס זכות — זיינען מיר געווען באַרעכטיגט צו פאַרלאַנגען די באַגנעדיגונג. נישט אידענטיפיצירנדיג זיך מיט דער טאַט און מיט אירע אויספירער האָבן די אָנפירנדע אינסטאַנצן פון ישוב און פון ציוניזם און די רעפּרעזענטאַנטן פון דער אידישער עפנטלעכער מיינונג געטון אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט לטובת די באַשולדיגטע.

די אַגענץ־עקזעקוטיווע האָט באַזאָרגט די יורידישע פאַרטיידיגונג. ביי אַ געוויסן עטאַפּ פונם גאַנג פון משפט האָבן זיך געווענדעט צו דער עקזעקוטיווע די קרובים פון די באַשולדיגטע און האָבן געבעטן געלט־הילף פאַר צוועקן פון דער פאַרטיידיגונג. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן זיך פריער געווענדעט צו דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי און האָבן גאָרנישט באַקומען. די אַגענץ־עקזעקוטיווע אין אַנטקעגנגעקומען דער ביטע און זי האָט אַסיגנירט

די געפאָדערטע סומע. דער פסק־דין איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דעם 3־טן יוני. זשוראַווין איז — אין הסכם מיט די טענות פון דער פאַרטיידיגונג — אָנערקענט געוואָרן אַלס גייסטיג־אומנאָרמאַל און דאָס געריכט האָט באַפוילן אים אַריינצוגעבן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיג־קראַנקע. די אַנדערע צוויי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

די אַגענץ־עקזעקוטיווע, דער ועד הלאומי, די רבנות הראשית האָבן זיך געווענדעט צום מיליטער־קאָמאַנדיר אין ארץ־ישראל און צום ענגלישן קעניג, און זיי האָבן אונטערגענומען נאָך מיטלען מיט דער האָפנונג, אַז דער אורטייל וועט געלינדערט ווערן. עס איז דערוועקט געוואָרן אַ געדאַנק, אַז די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען קענען רעכענען, אַז די לינדערונג פונם אַרויסגעגעבענעם אורטייל איז עלול אויפצומונטערן נקמה־טאַטן מצד די אידן, וואָרום איין מאָל איז שוין געגעבן געוואָרן אַ באַגנעדיגונג — דעם רעוויזיאָניסטישן צוגאָב־פּאָליציאַנט אַלטמאַן (פון נחלת יצחק ביי ירושלים) — און אויב אויך איצט וועט קומען אַ באַגנעדיגונג, קען דאָס אפשר בכלל אָפּשוואַכן די מורא פאַר אַן אורטייל פון מיליטערישן געריכט. עס איז דעריבער אַנטשטאַנען אַ פאָרשלאַג, אַז אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַרעפנטלעכן אַ געמיינזאַמען אויפרוף — אָפּצוהאַלטן זיך פון נקמה־טאַטן; אַזוי האָט מען געוואָלט פרווון באַזייטיגן די חששות פון די מאַכט־אָרגאַנען. דער ועד הלאומי האָט זיך געווענדעט מיט דעמדאָזיגן פאָרשלאַג צו דר. וואַשיץ, דעם פאָרזיצער פון די רעוויזיאָניסטן אין ירושלים. דר. וואַשיץ האָט זיך מיישב געווען מיט זיינע חברים און ער האָט געמאָלדן דעם ועד הלאומי, אַז זיין פאַרטיי איז נישט מסכים זיך צו באַטייליגן אין דעם פּראָיעקטירטן אויפרוף. דאַן האָט זיך דער ארץ־ישראלדיגער הויפּט־רב הערצאָג געווענדעט טעלעגראַפיש צו זשאַבאָטינסקין און אים געבעטן, ער זאָל שטיצן דעם אויפרוף־פאָרשלאַג. דער רב האָט באַקומען אַ תשובה — נישט דירעקט פון זשאַבאָטינסקין, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון דער רעוויזיאָניסטישער פאַרטיי: זשאַבאָטינסקי האָט טעלעגראַפירט צו דער פאַרטיי און געבעטן איבערגעבן דעם רב הערצאָג, אַז ער קען נישט אָננעמען זיין פאָרשלאַג. אויף דער זיצונג פון ועד הלאומי,

דעם 26־טן יוני, האָט וואַשיץ געטענהט: „אויב אַפילו עמיצער זאָל האַלטן, אַז הבלגה איז אַ שיטה, איז דאָס פּראָקלאַמירן הבלגה זיכער אַ נאַרישקייט, אויב נישט קיין פאַרברעכן. — איר, אין ועד הלאומי, לויבט אַזאַ שטעלונג, איך רוף עס אָן: „נאַרישקייט". (אַזוי דערציילט דער „הירדן" פון 2־טן יולי). און זשאַבאָטינסקי האָט אין לאָנדאָן, אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, געזאָגט: „מיר וועלן נישט אונטערשרייבן קיין בקשה, וואָס פּראָקלאַמירט, אַז מיר מוזן זיך רואיג באַהאַלטן ווי מייז אין די לעכער און איבערלאָזן אַלץ דער „פּיל־גנעדיגער" און „אַקטיווער" אדמיניסטראַציע" (לויטן דערמאָנטן נומער „הירדן"). דאָס הייסט, אַז צווישן נקמה־טאָטן און רואיג באַהאַלטן זיך ווי מייז אין די לעכער זעט זשאַבאָטינסקי גאָרנישט. די פּערמאַנענטע פאַרטיידיגונגס־גבורה, וועלכע ווירקט בייטאָג און ביינאַכט, פאַרזעצנדיג די אַרבעט און דאָס לעבן און די וועג־קאָמוניקאַציע, דורכפירנדיג נייע דעראָבערונגען אין די פאַרוואָרפענע גרעניצן פון לאַנד, שלאָגנדיג וואָרצלען פון אידישן אויפבוי אין די ווייטסטע ארץ־ישראלדיגע ווינקלען, — דאָס אַלץ, די כסדרדיגע מסירת נפש און בלוט־קרבנות, זעט זשאַבאָטינסקי גאָר און גאָר נישט. אמת, דאָס פאַר־וואונדערט און דערשטוינט אונז לחלוטין נישט. מיר קענען אים, אים און זיין ווייטן קוק, נישט פון נעכטן.

אַ צוויי וואָכן נאָכן אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער בן־יוספן, האָט די אָנפירונג פון דער נ.צ.אָ. אין לאָנדאָן פונאַנדער־געשיקט אַ דערקלערונג צו דער פּרעסע מכוח דער טעלעגראַמע פון הרב הערצאָג צו זשאַבאָטינסקין. צום סוף פון דערדאָזיגער דערקלערונג זאָגט זיך:

„עס מוז דעריבער דאָ דערקלערט ווערן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז קיין שום שאַנטאַזש — סיי מצד אידן און סיי מצד נישט־אידן — און קיין שום דראָאונג וועגן טורמע אָדער עשאַפאָט, וועט קיינמאָל נישט באַוועגן דער נייער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע אָפּצוטרעטן אַפילו אויף אַ האָר פון אָט דעם שטאַנדפּונקט:

„כל זמן דעם אַראַבישן טעראָר איז דערלויבט אָנצוגיין אומ־געשטערט, זיינען אידישע רעפּרעסאַליעס אַן אומפאַרמיידלעכע, ספּאָנ־טאַנע רעאַקציע. קיין שום אידישע פּאַרטיי קען נישט געהאַלטן ווערן

אַלס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי; די איינציקע פאַראַנטוואָרטלעכע איז די רעגירונג. טויט־שטראָף אויף אַ וועלכן־עס־איז אידן ביי אַזוינע באַדינגונגען דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ קרימינעלער מאָרד". (דעמדאָזיגן שטאַנדפּונקט האָט זשאַבאָטינסקי איבערגע־חזרט עפנטלעך, אין אַ פּוילישער דעקלאַראַציע, וועלכע ער האָט פאָרגעלייענט ביי אַ פרעסע־קאָנפערענץ אין וואַרשע, דעם 16־טן אויגוסט).

אַזויאַרום איז, צוליב דער שולד פון די רעוויזיאָניסטן, דורכ־געפאַלן אַ פּרווו, וואָס האָט אפשר אַנטהאַלטן אין זיך אַ האָפענונג אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פון בן־יוסף.

דעם 24־טן יוני איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן, אַז דער אורטייל אויף שיינען איז פאַרביטן געוואָרן אויף אייביגער טורמע, אָבער דער אורטייל אויף בן־יוסף איז באַשטעטיקט געוואָרן. דעמ־זעלבן טאָג האָבן די פירער פון ישוב און פון דער אַגענץ זיך געווענדעט צום קאָלאָניען־מיניסטער מיט אַ באַגנעדיגונגס־בקשה. אויך די הויפּט־רבנים האָבן טעלעגראַפירט צום קאָלאָניען־מיניסטער און צום ערצבישאָף פון קענטערבורי; זיי האָבן זיך אויך געווענדעט צום הויפּט־רב פון ענגלאַנד, דר. הערץ, און ער האָט געהאַט אַ שמועס מיטן פּריוואַט־סעקרעטאַר פון קעניג. דעם 25־טן יוני האָט זיך דער הויפּט־רב געטראָפן מיטן נציב העליון. צוויי טעג פאַר דעם האָט זיך געטראָפן מיטן נציב העליון דער פאָרזיצער פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע, ד. בן־גוריון. עס איז דערלאַנגט געוואָרן אַ בקשה דעם קעניגלעכן ראַט און עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע נויטיגע באַמיאונגען, טעלעגראַפיש און טעלעפאָניש. די אַלע שריט זיינען אונטערגענומען געוואָרן געמיינזאַם און אין פעסטער פאַרבינדונג מיט דער פאַליטישער אָפּטיילונג פון דער אַגענץ.

וואָס־זשע האָבן די רעוויזיאָניסטן געטון די גאַנצע צייט?

דעם 24־טן מאַי, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער משפט פון די דריי אין חיפה׳ער קריגס־געריכט, איז אין ירושלים געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע אויף אַן אַראַבישן אויטאָבוס, פון וועלכער עס זיינען געהרגעט געוואָרן איין רוסישע קראַנקנשוועסטער און איין אַראַבער, און עלף אַראַבער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. צומאָרגנס זיינען אין חיפה דערמאָרדעט געוואָרן צוויי אַראַבער און צוויי זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָכדעם ווי עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן

דער אורטייל און ער איז איבערגעשיקט געוואָרן צו באַטראַכטונג דעם מיליטער־קאָמאַנדיר, זיינען פאָרגעקומען אָנפאַלן אויף אַראַבער ביי מגדיאל און כפר־סבא. די אַלע אָנפאַלן זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס נקמה־אַקטן מצד אידן, און ס'איז קיין ספק נישט, אַז זיי האָבן נאָר געקענט נאָכמער פאַרערגערן די לאַגע פון די פאַראורטיילטע. דערביי איז אוממעגלעך צו מיינען, אַז די אויספירער פון דידאָזיגע מאָרד־אַקטן האָבן עס נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען.

נאָכדעם ווי דער אורטייל אויף בן־יוספן איז באַשטעטיגט געוואָרן דורכן מיליטער־קאָמאַנדיר, און בעת אַלע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע אינסטאַנצן האָבן געמאַכט די דערמאָנטע באַמיאונגען אַרויסצובאַקומען אַ באַגנעדיגונג — זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די שטעט, באַזונדעס אין תל־אביב, דעמאָנסטראַציעס, וועלכע האָבן דערפירט צו אויסברוכן און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, וועלכע איז באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער. עס זיינען אויך אָרגאַ־ניזירט געוואָרן טיילווייזע שטרייקן, — אין פאַרשידענע טיילן לאַנד האָט מען געפּרוווט צווינגען צו פאַרמאַכן די קראָמען. דער ועד הלאומי און די רבנות הראשית האָבן געוואָרנט די אידישע באַפעל־קערונג, זי זאָל זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן פון דעמאָנסטראַציעס און אויסברוכן, זי זאָל נישט אָפּשטעלן די אַרבעט און זי זאָל היטן אָרד־נונג און דיסציפּלין. ווארום עס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז ביי דער שווערער לאַגע פונם פאַראורטיילטן קען דער דרוק פון גאַס בלויז ברענגען שאָדן. ביז דער לעצטער מינוט האָבן די אָנפירנדע אינסטאַנצן זיך באַמיט משפּיע צו זיין אויף די מאַכט־אָרגאַנען, זיי זאָלן ענדערן זייער באַשלוס, אָבער עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז צומויינגסטן קען מען האָפן, אַז די מאַכט־אָרגאַנען וועלן זייער באַשלוס ענדערן ביי פאַרהעלטנישן, וועלכע וועלן קענען אויסגעטייטשט ווערן, אַז די ענדערונג איז אַ רעזולטאַט פון אונטערגעבן זיך דעם דרוק פון גאַס. טויט־אורטיילן אויף אַראַבער זיינען ביזאַהער אַרויס־געטראָגן און אויך אויסגעפירט געוואָרן אין אַ היפּשער מאָס, און ס'איז געווען גרינג משער צו זיין, אַז דער רעגירונג וועט זיין נישט לייכט צו שאַפן אַ פּרעצעדענט פון מבטל זיין אַן אורטייל אונטערן דרוק פון דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן. עס איז אוממעגלעך, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון די דעמאָנסטראַציעס און אויסברוכן האָבן עס

נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען.

בלויז לחלוטין בלינדע אָדער נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט שלאָגן פאַרטיי־קאַפּיטאַל פון דער תליה, האָבן געקענט אין יענע טעג און שעהן דורכפירן טעראָר־אַקטן אויף אַראַבער, אָרגאַניזירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן, באַוואַרפן מיט שטיינער די פּאָליציי א.ד.ג., מיטן כלומרשטן ציל משפּיע צו זיין אויף אָפּשרייען די טויט־גזרה פונם קריגס־געריכט. עס איז זייער מעגלעך, אַז דער טויט־אורטייל וואָלט סיי־ווי־סיי געבליבן אין קראַפט, נאָר אויב עס איז בכלל געווען וועלכע־ניט־איז האָפנונג צו ראַטעווען בן־יוסעפן — האָבן דיזאָגיגע מעשים געמוזט באַגראָבן און פאַרשיטן די האָפנונג.

פאַרשטייט זיך: נאָך דער תליה האָט זשאַבאָטינסקי טעלע־גראַפירט צו בן־יוספס מוטער אין פּוילן, אַז דער נאָמען פון איר זון וועט זיין גאַנץ לעבן זיין איינגעקריצט אין זיין האַרצן. און צו זיינע חברים אין תל־אביב האָט ער תיכף טעלעגראַפירט: „מיר האָבן געמאַכט אַלע באַמיאונגען, מיר האָבן געקלאַפּט אין אַלע טירן ביז היינט 5 פאַרטאָג כדי צו ראַטעווען זיין לעבן״.

י. „זיין עשאַפאָט וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין אַ טורעם״

אַן עשאַפאָט, וואָס מען זאָל אים קענען פאַרהייליגן און פאַר־ערן און באַזינגען מיט ליבגעזאַנגען און באַקרוינען מיט דער קרוין פון „גבורה״ און „קדושה״ — דאָס האָט דער רעוויזיאָניזם שוין לאַנג געוואָלט. נאָך מיט יאָרן צוריק האָבן די סיקריקין־פּאָעטן געלעכצט דערצו. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט יעווין געשריבן צו זשאַבאָטינסקין: „מיר גלויבן אין די וועגן פון די באַפרייאונגס־באַוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער: תפיסה, עשאַפאָט און קרבנות״. אין 1934 האָט שוין כמעט געהאַלטן ביים אויסוועבן זיך אַ „לעגענדע״ וועגן דעם „בחור פון בריסק״, אָבער סטאַווסקי איז פאַרבליבן בלויז „אין שאָטן פון דער תליה״, און די לעגענדע איז צעשוואומען ווי אַ רויך.

אין תרצ״ז האָט א.צ. גרינבערג „געזונגען״:

„איך זע גראָבע תפיסה־ווענט, תליות —
אין ירושלים, אין יפו, אין עכו — — — און פנימער
פון אידישע סיקריקין פאַראורטיילטע צום טויט״.

און אין תרצ״ח איז עס געשען. נאָך פאַרן אורטייל האָט מען אין דער „הירדן״־מחנה אָנגעהויבן נביאות זאָגן וועגן דעם גרויסן טאָג, וואָס דערנענטערט זיך און קומט אָן אויף דער באַוועגונג פון דער „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע״. און בעת עס זיינען נאָך געמאַכט געוואָרן אַלע באַמיאונגען צו ראַטעווען די פאַראורטיילטע — האָט מען דאָרט שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצובלאָזן די „גבורה־לעגענדע״. „שלעכט איז דאָס — זאָגט זיך אין „הירדן״ — וואָס על פי טעות שאַצט אָפּ די מאַכט דאָס אידישע פאָלק, זיין זעל־נערישע און מיליטערישע פאָטענץ, נישט לויט דער גבורה און קרבנות־גרייטקייט פון ראש־פינה נאָר לויט דער כעלמדיגקייט פון מעוז״. (דאָס הייסט: שיסן פון באַהעלטעניש אויף אַן אויטאָ — אָט דאָס איז דער הויכפּונקט פון גבורה, לויט וועלכן מען דאַרף אָפּשאַצן דאָס אידישע פאָלק, און נישט דאָס מוטיגע ביישטיין טאָג און נאַכט געגן אָנפאַלער און מערדערס אין בית־שאנער וויסטקייטן, בויענדיג דערביי עקשנותדיג אַ נייע ווירטשאַפט־פעסטונג אויף די ברעגן פון ירדן!). און ווי נאָר עס האָט אויפגעשיינט די זון פון דער „העכסטער גבורה״ אין ראש־פּנה — איז פאַרבלייכט און פאַרטושט געוואָרן די געשטאַלט פון די „העלדן פון חניתא״. צום ביישפּיל — אַזאַ ציטאַט: „אומעטום, אין גאַס, אין שטוב, אין בית־מדרש רעדט מען נאָר וועגן איינס: ראש־פינה. מעשה חניתא איז שוין פאַרגעסן געוואָרן נישט געקוקט אויף דער אויפגעבלאָזענער ר ע ק ל אַ מ ע, וואָס מ׳האָט איר געמאַכט. אַלע טראַכטן איצט און רעדן נאָר וועגן איין זאַך: מעשה ראש־פינה״. אַזוי באַרימט זיך דער „הירדן״ און אַנטפּלעקט, אגב, די פאַרבאָרגענע ווּאונטשן: מען זאָל פאַרגעסן חניתא, און די מענטשן פון חניתא און די פאַרהאַסטע דעראָבערער און היטער פון חניתא, מעוז א.א.וו.

איינער פון די בריונישע פירער־שרייבער האָט טאַקע אַזוי בפירוש דערקלערט אין זיינס אַ פאָרטראַג אין תל־אביב, צ ו ו י י ט ע ג פ אַ ר ד ע ר ת ל י ה: „זיי ווילט זיך האָבן חניתה־לעגענדעס אין ארץ־ישראל, אָבער: בן־יוסף וועט זיין אונזער לעגענדע אין ארץ־ישראל!״ און בשעת דער גאַנצער ישוב האָט נאָך געהאָפט אויף אַ באַגנעדיגונג, בשעת די אָנפירנדע אינסטאַנצן און די פאַרטיידיגונג האָבן געמאַכט די לעצטע רעטונגס־באַמיאונגען — האָט זיך געפירט

אַ טעלעפאָניש געשפּרעך צווישן חיפה און תל־אביב מכוח אַ פאָרשלאַג אַריבערצופירן בן־יוספס טויטן קערפּער קיין תל־אביב, כדי אים דאָרט איינצואָרדנען אַ „גרויסע" און „פּרעכ־טיגע" דעמאָנסטראַציע־לויה... צוויי וואָכן פאַר דער תליה פון בן־יוסף האָט אַ גרופּע מענטשן, אין אַ „פּריוואַטן געשפּרעך", געפּרוווט אָנצייכענען, וואָס עס דאַרפן זיין זיינע לעצטן ווערטער...

באַלד נאָך דער תליה האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אויס־נוצונג פונם עשאַפאָט. עס איז דערשינען אַ נומער „הירדן" און ער פאַרפלייצט זיך אַליין מיט פרייד־אויסשאַלונגען: „בן־יוספס טויט אויפן עשאַפאָט — דער אָנהויב פונם סוף פון דער פאַרעטערישער מפא"י!", „מפא"י איז דער איינציקער מקור פון אַלע אונ־זערע אומגליקן— זי טראָגט אויך די שולד פאַרן בלוט פון בן־יוספן", „בן־יוספס תליה האָט געעפנט אַ תהום צווישן די אידישע מאַסן אין ארץ־ישראל און צווישן מפא"י — דערדאָזיגער תהום צווישן מפא"י און די אידישע מאַסן וועט שוין מער נישט פאַרשאָטן ווערן נאָר ער וועט זיך נאָך אויסברייטערן און פאַרטיפן, אין דעמדאָזיגן תהום וועלן זיי אַריינפאַלן און שוין מער קיין תקומה נישט האָבן. מיטן פאַלן פון מפא"י — און נאָר מיטן פאַלן פון מפא"י וועט געעפנט ווערן דער וועג צו גאולה, וועלכן עס האָט אָנגע־וויזן בן־יוסף".

בקיצור: עס איז פאַר זיי, פאַר די רעוויזיאָניסטן און בריונים, אָנגעקומען אַ גרויסער טאָג. איצטער ערשט וועלן זיי קענען מיטן פולן מויל פּרעסן די „מפא"י" (וואָס איז, ווי באַקאַנט, אַן אַלגעמיינער נאָמען פאַר די אַרבעטער, פאַר דער אַגענץ, פאַרן ועד הלאומי, פאַר וויצמאַנען און — אַפילו פאַר הרב הערצאָג...) און נישט איבערלאָזן פון איר קיין שריד ופליט. און אינדערעמתן, צי דען איז נישט כדאי יעדער קרבן פאַר אַזאַ דערהויבענעם ציל? באַזונ־דערס, ווען „נאָר מיטן פאַלן פון מפא"י וועט געעפנט ווערן דער וועג צו גאולה"!

און פון דאַן אָן הערט נישט אויף די מאַכונג פון דער „לע־גענדע": „דער ערשטער פון די הרוגי מלכות פון זינט נאָך רבי עקיבאן", „דער ערשטער פון זינט נאָך בר־כוכבא'ס צייטן, וואָס איז געשטאָרבן אַ העלדן־טויט פאַר די בערג פון אונזער לאַנד און די שטעט פון אונזער גאָט", „אַ באַוואונדערטער העלד — אַט

אַזוי דאַרף ער פאַרבלייבן אויף אייביג אין אונזער זכרון און אין זכרון פון דער אידישער יוגנט און פון אידישן פאָלק״.

בן־יוסעפס טויטן קערפּער האָט מען אַראָפּגעלאָזט אין דער ערד אַריין מיט געזאַנג. אויפן קבר האָט מען געמאָלדן, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס ערן־קאָמענדאַנט פון דער בית״רישער פלוגה אין ראש־פּינה... איינער אַ רעוויזיאָניסט האָט זיך צוגעאיילט און אַ נאָמען געגעבן זיין נייגעבוירענעם זון שלמה בן־יוסף. דאָסזעלבע האָט געטון נאָך אַ רעוויזיאָניסט אין עפּעס אַ שטעטל אין גלות. און איינער פון די „אָפּיצערן״ איז אָוועקגעפאָרן אין בן־יוסעפס היימשטאָט אַריין, כדי איבערצוגעבן וועגן דעמדאָזיגן גרויסן כבוד דער מוטער פון זייער קרבן.

און דער דיכטער פון בריוניזם איז געשטאַנען אין וואַרשע און געשריען: „איך בין גליקלעך דיר צו מעלדן אַריבער די ווענט פון עכו, אַז די פּוילישע אידן האַלטן מיט דיר, אַז די טאַט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דיין יונגען מוח, געפעלט זיי אַלעמען! וואַר־שעווער אידן, זאָגט אַלע מיט מיר צוזאַמען: כבוד און ליוב בן־יוסעפן!״

און אין דער תשובה אויפן בריוו פון די קאָמענדאַנטן פון דער בית״רישער פלוגה אין ראש־פּינה האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן וועגן „דער אַנטפּלעקונג וואָס איז אונז אַנטפּלעקט געוואָרן פונם עשאַפאָט אין עכו: אַז עס איז פאַראַן אַ בית״ר און אַ בית״רישער גייסט און אַ בית״רישער אמת, און אַז די נייע גייסטיגע ראַסע איז שוין געבוירן געוואָרן. זייט געבענטשט איר אַלע, בית״ריסטן פון ראש־פּינה, ברידער פון שלמה בן־יוסף. הלואי וואָלט איך געקענט צוזאַמען מיט אייך קניען אויף זיין קבר. אָבער — זיין עשאַפאָט וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין אַ טורעם, זיין קבר — אין אַ היכל, און זיין אָנדענק — אין אַ ציווילער רעליגיע״.

אין זשאַבאָטינסקיס אַ צווייטן בריוו, צום צוזאַמענפאָר פון דער נ.צ.אָ. אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ווערט קלאָר און בולט דער געוואונשענער צי'ל, צו וועלכן די רעוויזיאָניסטן ווילן זיך אַרויפ־באַקומען דורכן „טורעם״, וואָס זיי מאַכן פון בן־יוסעפס עשאַפאָט:

„דורך שטורעם און בלוט בויט די וועלט־געשיכטע — אויף אונזער חשבון, פאַרן פרייז פון אונזערע קרבנות — דעם פּאַלאַץ, וואו מיר, און נאָר מיר, די עלטערן און ברידער

פון בן־יוסףן, מיר און נישט קיין אַנדערע, וועלן הערשן און אָנפירן".

יא. „דער וועג צו גאולה, וועלכן עס האָט אָנגעוויזן בן־יוסף"

נאָך בן־יוספס תליה האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיג בושעווען אין ארץ־ישראל, וואָס האָט צו זיך נאָך קיין גלייכן נישט געהאַט. אין פאַרשידענע ערטער אין לאַנד זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אַ סך אַראַבער, און אין פיל פאַלן איז אַפילו אוממעגלעך צו צווייפלען, צי אידן האָבן אויסגעפירט די רציחות. צוזאַמען דערמיט האָט זיך זייער געשטאַרקט די רציחות־כוואַליע מצד די אַראַבער, וואָס אַ טייל דערפון דאַרף מען אָן ספק באַטראַכטן אַלס תיכפדיגע רעאַגירונג אויף די נקמה־אַקטן מצד די אידן. אַלע וויילע זיינען פאַרשפרייט געוואָרן אויפרופן — אונטערגעשריבענע און נישט־אונטערגעשריבענע — וועלכע האָבן געהעצט צו ברעכן די הבלגה, צו באַגיין נקמה־אַקטן, אויפצוהערן פאָלגן די פירער און פאַראַנטוואָרטלעכע. „אידישע יוגנט, דערלאָז נישט, אַז דיין געווער זאָל פאַרזשאַווערט ווערן! קום מיט אונז קעמפן און באַפרייען. אייזן ברעכט אייזן און בלוט איז אויף בלוט מכפר!" אין געוויסע קרייזן האָט מען זיך אונטערבאַרימט מיט די פאַרשידענע נקמה־אַקטן. פון חוץ־לארץ זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען געגן דער הבלגה, וועגן אַ פאַרשטאַרקטער העצע און אויך וועגן גוואַלדטאַטן געגן די אַלע, וואָס זיינען געבליבן טריי דער פאַראַנטוואָרטלעכער ליניע פונם ישוב במשך דער גאַנצער צייט פון די געשעענישן.

עס איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז באַשטימטע גרופּעס פונצווישן די רעוויזיאָניסטן פירן־דורך די בלוטיגע טאַטן. אַלע קרייזן פונם ישוב — אויך יענע, וועלכע זיינען אין אַלגעמיין פריינדלעך געשטימט לגבי די רעוויזיאָניסטן — האָבן אויסגעדריקט זייער שאַרפע געגנערשאַפט געגן די טעראָר־אַקטן, און עס איז דורך אַלעמען אָנגעוויזן געוואָרן אויף די שווערע סכנות, וואָס דערוואַרטן צוליב דעם דעם ישוב און זיין אויפבוי־ווערק. בלויז אַ טייל פון די רעכטס־קרייזן האָט גלייכצייטיג נישט אויפגעהערט צו שטעלן קשיות און האָבן טענות: עס איז נישט דערוויזן געוואָרן,

אַז די רעוויזיאָניסטן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דידאָזיגע מעשים; מען טאָר נישט וואַרפן אַזאַ באַשולדיגונג אויף דער גאַנצער פּאַרטיי, וואָס אפשר בלויז איינצלנע מיטגלידער אירע, וועלכע פאָלגן זי נישט, טוען דידאָזיגע מיאוסע מעשים. פון דיזעלבע קרייזן האָט מען דערמאָנט אידישע דינים, לויט וועלכע עס קומט אויס: אַפילו ווען עמיצער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דערהרגענען דעם אַנדערן, און שפּעטער האָט מען געזען ווי ביי דעם דערהרגעטן אַנדערן שטייט דער עמיצער מיט אַ בלוט־טריפנדער שווערד אין האַנט, און ער זאָגט: איך האָב אים דערהרגעט — איז נאָך אַלץ נישט דערוויזן געוואָרן, אַז ער האָט אים טאַקע דערהרגעט... אָבער טראָץ דעם אַלעם, איז שווער צו גלויבן, אַז אויך דידאָזיגע קרייזן האָבן נישט געהאַלטן די זאַך פאַר קלאָר און זיכער.

און פונדעסטוועגן — בעת דער אידישער ישוב איז צום סאַמע טיפסטן דערשיטערט געוואָרן דורך די מערדערישע באָמבעס אין חיפה און אין ירושלים, באַזונדערס דורך דער באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסן אין חיפה דעם 25־טן יולי און עס זיינען בעת מעשה דערהרגעט געוואָרן איבער פופציג אַראַבער און אַרום פופציג זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן — די באָמבעס זיינען קלאָר געצילט געוואָרן אויסשליסלעך געגן אַראַ־בער, — האָט ער, אין אַלגעמיין גענומען, נישט געוואָלט גלויבן, אַז דידאָזיגע שוידערלעכע מעשים זיינען געטון געוואָרן דורך אידן. דאָס פייער, וואָס דידאָזיגע באָמבעס האָבן אָנגעצונדן און צעפלאַקערט — דאָס פייער פון שנאה, העצעריי און נקמה־צאָרן, די פאַרניכטונגס־לוסט און דער באַגער, פּאָליטיש אויסצונוצן דעם אידישן טעראָר — דאָס אַלץ האָט געדראָט דעם ישוב מיט אַזעלכע שרעקלעכע חורבן־רעזולטאַטן, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך געווען, צו גלויבן, אַז עס געפינען זיך טאַקע אידן, וואָס זיינען מסוגל צו גיין אויף אַזאַ וואַנזיניגן וועג. דער חורבן האָט דערביי געדראָט נישט בלויז דעם ארץ־ישראלדיגן ישוב. די גיפטיגע העצע, וואָס פירט זיך געגן ציוניזם אין אַלע אַראַבישע לענדער, האָט זיך פילפאַך פאַרשטאַרקט נאָך אָט די באָמבעס און זי האָט פונאַנדערגעפלאַקערט דאָס שנאה־פייער און די נקמה־לוסט לגבי די אידישע קהלות אין ביירות, דמשק, חאַלעב, מאָסול און

באַגדאַד. נישט וועלנדיג גלויבן, אַז אידן האָבן עס געטון, זיינען אויפגעקומען כלערליי סברות: עס האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז אַ טייוולשע פּראָוואָקאַציע — אָדער מצד די אַראַבישע טעראָריסטן און זייערע אָנפירער, וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיטל ביים אויספירן זייערע פינצטערע פּלענער, אָדער אפשר גאָר מצד אונזערע פאַרשידענע אייראָפּעאישע שונאים, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט צו פאַרברענען ארץ־ישראל צוזאַמען מיט אַלע אונזערע אינטערעסן און האָפענונגען אינם פייער פון בירגער־קריג. די ברייטע אידישע געזעלשאַפט מיט אירע עסקנים, מיט אירע אָנפירנדע אינסטאַנצן און מיט איר פּרעסע — אַלע האָבן זיך געמאַטערט און געפייניגט זוכנדיג אַ לעזונג פאַר דער דערשיטערנדער בלוטיגער רעטעניש און וועלנדיג אויסגעפינען דעם מקור פון דעם שרעקלעכן פּראָוואָקאַטיוון כוח. דערביי איז פאַר אַלעמען קלאָר געווען איינס, אַז די עלעמענטן וואָס האָבן עס געטון, זיינען אויסן געווען חורבן — אַ תל צו מאַכן פון אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען און האָפענונגען. אין אָנבליק פון דער פאַרשטאַרקטער העצע, וועלכע נעמט אַרום אַלץ מער און מער דעם גאַנצן אַראַבישן ישוב און פאַראייניגט אים פעסט מיט די אַראַבישע טעראָריסטן, און רעכענענדיג זיך מיט די שאַרפע ווינטן, וועלכע האָבן גענומען בלאָזן געגן אונז פון די מיליטערישע און רעגירונגס־קרייזן, איז קלאָר געווען די דרינגענדע נויטווענדיגקייט איבערצוצייגן ווי וויט מעגלעך, אַז דער שרעקלעכער פאַל איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָוואָקאַטיווע אינטריגע מיטן צוועק אונז צו שאָדן, צו העצן געגן אונז און צונישט מאַכן אונזערע אויפטוען. אין דער הינזיכט האָט זיך געאייניגט דער גאַנצער ישוב, — אַלע זיינע קרייזן און שטרעמונגען, — וועלכער האָט גלייכצייטיג ווייטער געפאָדערט פון די רעגירונגס־אָרגאַנען, עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערן אונזער זעלבסט־פאַרטיידיגונגס־קראַפט געגן די פאַרניכטונגס־כוחות, וועלכע קעמפן געגן אונז.

און בעת דער ישוב איז נאָך געווען פאַרנומען מיט זוכן אַן אויסוועג פון דער אומזיכערקייט, שפּירנדיג די סכנה, וועלכע דראָט אים פון דער פּראָוואָקאַטיווער באַהעלטעניש, — האָבן אָנגעהויבן דערגיין קלאַנגען, אַז אין די רעוויזיאָניסטישע קרייזן באַרימט מען זיך מיט די גרויסע, בלוטיגע „העלדנטאַטן“.

אינצווישן, צומאָרגנס נאָך חיפה׳ער גרויל, האָט מען געפונען אַ טייוול־מאַשין אויך אין ירושלים, אויפן אַראַבישן מאַרק. אויך דאָ איז עס געווען צום צווייטן מאָל און אויפן זעלבן אָרט — פונקט ווי עס איז געווען אויך צוויי מאָל אויפן אַראַבישן מאַרק אין חיפה. אינם אַוועקלייגן די טייוולמאַשין אין ירושלים איז אָפּיציעל באַשולדיגט געוואָרן אַ איד! — דער איד יעקב ראָס, וועלכער איז דעם זעלבן פרימאָרגן, דעם 26־טן יולי, דערשטאָכן געוואָרן נעבן דעם אָרט, וואו מען האָט די טייוולמאַשין געפונען. פּאָליציי האָט געמאַכט אַ הויז־זוכונג אין זיין וואוינונג און זי האָט דאָרט געפונען פאָטאָגראַפיעס פון באַוואָפנטע בית״רים, דאָקומענטן, „באַפעלן״. עס איז אונטערגעזוכט געוואָרן דער פינגער־אָפּדרוק און ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער אָפּדרוק פון זיינע פינגער און דער אָפּדרוק פון די פינגער, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם קויש מיט דער באָמבע, איז איין־און־דער־זעלבער! אַ סך פאַרשידענע סימנים האָבן פאַרשטאַרקט דעם חשד און באַוואויגן צו מאַכן פאַרגלייכן צווישן דעם נישט געלונגענעם אַטענטאַט און אַ יאָ־געלונגענעם אַטענטאַט אויפן זעלבן אָרט אין ירושלים. פונדאַנען איז שוין געווען בלויז איין שריט צו ציען אַ פאַרגלייך פון אַ געוויסער אַטענטאַטן־שיטה אין ירושלים צו אַ זייער ענלעכער אַטענטאַטן־שיטה — אין חיפה. די אין ירושלים געפונענע באָמבע איז פונאַנדערגענומען געוואָרן און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אירע טיילן זיינען ענלעך צו די טיילן פון דער באָמבע אין חיפה!

דער שוידער איז געוואָרן טיפער און שרעקלעכער. ממש אַ פינצטערניש האָט באַדעקט די קעפּ פון דעם אחריותפולן ישוב: ס׳טייטש? איז עס דען מעגלעך? לאָזט זיך דען גלויבן, אַז טאַקע אידן האָבן אויף אונז געבראַכט דאָסדאָזיגע אומגליק?

דאַן זיינען ווידער אָנגעקומען אַ סך פאַרשידענע פּרטים און האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי אַלס צוגאָב־באַווייזן פאַר דער דערדריקנדער פעסטשטעלונג: אַ הפקרדיגער אידישער טעראָר דערפירט אונדז צו אַן אָפּגרונט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפשנירלען פאַרשידענע פּאַסירונגען: אידן, וואָס זיינען געפאַלן קרבנות צוליב אַ טעות פון די הבלגה־ברע־כער; אַן אומגליק, וואָס איז צופעליג נישט געשען און איז אויס־

געמיטן געוואָרן, וואו דער בעל דבר איז ווידער געווען אַ איד; דער סאָרט טויט־מכשירים, וועלכע מען האָט געפונען ביי בן־יוספן און זיינע חברים, און וועלכע מען האָט אויך געפונען אין אַן אַנדער אַטענטאַט־פאַל. — אַזוי האָבן פאַרשידענע פּרטים און פאַקטן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענשמידן און ווערן אַ שווערע קייט פון מאָרד־באַשולדיגונגען, וועלכע פאַלן, אין פלוג, אויפן קאָפּ פון דעם הייפל משוגע געוואָרענע הפקר־יונגען, וואָס גייען „אויפן וועג צו גאולה, וועלכן עס האָט אָנגעוויזן בן־יוסף", אָבער אינדעראמתן הענגען זיי ווי אַ שאַרפע שווערד איבערן האַלז פונם גאַנצן ישוב. און פון אַזאַ מצב איז לחלוטין נישט גרינג פּטור צו ווערן און זיך אָפּ־טרייסלען מיט דער טענה „מיר זיינען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אידישער כנופיה, וועלכע פאַראַט די וועגן פונם ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג".

וואָס־זשע האָבן די רעוויזיאָניסטן געטון אין דידאָזיגע טעג?

זיי האָבן קאָנצענטרירט אַלע זייערע כוחות אין אַ מינדלעכער און שריפטלעכער אַגיטאַציע פאַר בריונישע און כוליגאַנישע מעשים; אין בלבולים, נידערטרעכטיגקייטן און שקרים, פון וועלכע די אויערן זיינען רויט געוואָרן — און דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן כדי צו דעראָבערן מיט צעבושעוועטן דעמאַגאָגיע־שטורם די אידישע פאָלקסמאַסן, באַזונדערס אין ווייטן גלות, און אַרויספירן זיי „אויפן וועג צו גאולה, וועלכן עס האָט אָנגעוויזן בן־יוסף". זשאַבאָטינסקי האָט זיך אַוועקגעשטעלט בראש דער גרויסער „קאָמפּאַניע" צו הייליגן דעם נאָמען פון בן־יוספן דורך „ברעכן די הבלגה", וואָס דאָס וועט דערפירן צום זיג איבערן אַראַבישן טעראָר און צו דער ענדערונג פון דער ענגלישער פּאָליטיק, און צו — דאָס איז דער עיקר — פאַרכאַפּן די מאַכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אונטער דער קאָמאַנדע פון רעוויזיאָניסטישן דוטשע זיינען פאַר־געזעצט געוואָרן די „קאָנטר־טעראָר"־אַקטן אין ארץ־ישראל, און עס האָט זיך פונאנדערגעפלאַקערט אַן אומגעצוימטע און מאָסלאָזע גרויל־און העץ־אַגיטאַציע אין דער רעוויזיאָניסטישער פּרעסע אין חוץ לארץ און אין ארץ־ישראל (אין די לעגאַלע און אין די אומ־לעגאַלע אויסגאַבעס).

דער רעוויזיאָניסטישער היסטערישער געשריי האָט זיך איצט צעלאָזט שטאַרקער ווי פריער, אין צוויי ריכטונגען:

א) אידיש פֿאָלק, זע, אָט דאָס איז דער וועג פֿון גאולה, קיין אַנדערער איז נישטאָ: נקמה־אַקטן, מאָרדן אַראַבער, — וואָס מער איז בעסער. וואָס מער די אַראַבער וועלן זיך איבערצייגן, אַז זייער קרבנות־צאָל איז אַ סך אַ גרעסערע פֿון דער אידישער, אַלץ שוואַכער וועט ביי זיי ווערן דער חשק צו מאָרדן אידן. דעריבער ברענגען די רעוויזיאָניסטישע בלעטלעך, מיט אַ קענטיגער הנאה, סטאַטיס־טישע חשבונות פֿון די אַראַבישע קרבנות אין דער לעצטער צייט. דערביי ווערן, נאַטירלעך, נישט געבראַכט די חשבונות פֿון די פֿילע און טייערע אידישע קרבנות אין דערזעלבער צייט (פֿון זינט דער ערשטער באָמבע אויפֿן אַראַבישן מאַרק אין חיפה ביז סוף יולי, ד. ה. במשך 25 טעג זיינען בלויז אין חיפה באַפֿאַלן געוואָרן 126 אידן, פֿון וועלכע 20 זיינען געשטאָרבן. דערנאָך זיינען דאָרט צוגעקומען די צען קרבנות פֿון יערות הכרמל).

ב) אידיש פֿאָלק, מיר זיינען די גבורים וואָס פֿירן אויס דידאָזיגע בלוטיגע טאַטן, מיר און נישט קיין אַנדערע, דעריבער קומט אונז, נאָר אונז, דאַנק און לויב! דערביי שפּרינגען די רעוויי־זיאָניסטן פֿון דער הויט כדי צו דערווייזן, אַז טאַקע זיי האָבן עס אויסגעפֿירט די מאַסן־מאָרדן צווישן די אַראַ־בער אין חיפה און אין ירושלים, — ד. ה. יענע גרויל־מעשים, וואָס דער ישוב האָט זיך געמאַטערט און געפּייניגט אויס־צוגעפֿינען זייער מקור און פּשט, ווייל ער האָט נישט געקענט גלויבן, אַז אידן האָבן עס געטון. נאָכמער: אין דעם צוזאַמענ־האַנג ווערן אַלע זידל־און שמוץ־רעזערוון אויסגענוצט געגן די לינקע און אַנדערע קרייזן, וועלכע ווילן כלומרשט אַוועקרויבן ביי די רעוויזיאָניסטן זייער גרויסן זכות — זייער טייל אין די דערמאָנטע מאָרד־טאַטן!..

אין איינס פֿון זייערע ארץ־ישראלדיגע בלעטלעך („ביולטין לאומי מספר 1" — „נאַציאָנאַלער ביולעטין נומער 1") איז פֿאַראַן בלויז אַ וואונק: „פֿאַרוואָס האָט די מפּא"י מפקיר געווען די אידישע קוואַרטאַלן אין חיפה?" — „עס איז מעגלעך, אַז זיי זיינען מפקיר די אידישע קוואַרטאַלן אויסגערעכנט בייזוויליג, כדי די אידן, וועלכע האָבן אַביסל דערוואַכט גייסטיג נאָך דעם „חיפהער טאָג", זאָלן ווידער ווערן נידערגעשלאָגן און צעבראָכן, און זיי זאָלן מיינען, אַז זיי האָבן נישט קיין שום אַנדער רעטונג, ווי נאָר

דעם מפא״ישן פאַראַט״...

אָבער אין זייערע חוץ־לארצדיגע צייטונגען האָבן זיי אַראָפּ־גענומען אַלע צוימען און אויפגעהערט צו ריידן מיט רמזים. „מיר וועלן נישט דערלויבן!״ — שרייט אַ גרויסער טיטול אין זייער צייטונג „אונזער וועלט״ (וואַרשע) פון 29 יולי:

„אויב עס זיינען נאָך פאַראַן אין אידישן צבור בטלנים — זאָלן זיי וויטער פּרווון „באַווייזן״ די נישט עטישע זייט פון ברעכן די תועבה׳דיגע „הבלגה״. — — — „די „הבלגה״ איז שוין אַ שוכן עפר, און מ׳מעג זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז זי וועט אויפשטיין תחית המתים. אין קיין שום פאַל נישט!״ — — „און עס האָבן קנעכטישע און שפּלותדיגע פעדער־האַלטער אַ טעות; אויב זיי מיינען, אַז מיט זייער גנבת־דעת וועגן פּרעמדער „פּראָוואָקאַציע״ און דורך וועלן צורויבן ביי דער קעמפּענדער יוגנט אין ארץ־ישראל זייער פאַרדינטן חלק און זייערע מוטיגע טאַטן פון די לעצטע טעג וועט אויף אַ מאָמענט פאַרדונקלט ווערן דער אויפגייענדער, וואָס מער ברויזענדער שלמה בן־יוסף־גייסט״.

און אין דעם רעוויזיאָניסטישן בלעטל „ארץ ישראל אין פלאַמען״ (וואַרשע) פון 26־טן יולי איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיט אַ גרויסן און ברייטן טיטול: „100 אַ ר אַ ב ע ר ב אַ צ אָ ל ט מ י ט ן ל ע ב ן פאַר דער רציחה אין קרית־חרושת״. אין דעם אַר־טיקל שטייט געשריבן, צווישן אַנדערן:

„עס איז דעריבער קלאָר פאַר יעדן גראַדליניג־דענקענדן מענטש, אַז די אידישע יוגנט האָט איבער דידאָזיגע פאַקטן נישט געקאָנט אריבערגיין מיט שטילשווייגן און אַז אַלס תשובה אויף דעם מאַסן־מאָרד אין קרית־חרושת איז געקומען דער לעצטער באָמבען־אויפרייס אין חיפה, בעת וועלכן עס זיינען אומגעקומען 49 אַראַבער און 60 זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן״. „די הבלגה־ציוניסטן האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער היילינגער קאמף געגן קאָנטר־טעראָר, וועלכן זיי האָבן פּראָקלאַמירט מיט אַזאַ ברען, ווערט אַליך וויינינגער פּאָפּולער צווישן די אידישע מאַסן און דעריבער באַמיען זיי זיך פאַרצושטעלן די קאָנטר־רעפּרעסיעס געגן אַראַבער אַלס טאַט פון אַ ר אַ ב י ש ע פּ ר אָ ו ו אָ ק אַ ט אָ ר ן״. — — „יעדער איד פאַרשטייט, אַז חיפה איז אַ תשובה אויף קרית־חרושת, און שוטים אָדער פאַרקויפטע אינפאָרמאַטאָרן וועט נישט געלינגען צו

פאַרפירן די אידישע עפנטלעכע מיינונג״.

אין געגנזאַץ צו די אידישע „פאַרקויפטע אינפאָרמאַטאָרן״ לויבט דאָס בלעטל די פוילישע פּרעסע:

„איינציגע צייטונגען וויסן צו דערציילן, אַז דער אַטענטאַט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אַ געהיימער אידישער אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויפגאַבע איז, מיט דער הילף פון קאָנטר־טעראָר, צו צווינגען ענגלאַנד צו ענדערן איר אַנטי־אידישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. ווי מיר זעען, פאַרשטייען גויים דעם זין פון די געשעענישן אַ סך בעסער פון פיל „פּראָגרעסיווע״ ציוניסטישע פירער און פון דער אידישער פּרעסע״.

„אונזער וועלט״ פון 5־טן אויגוסט דעקלערט:

„אַזוי ווי לויט אַ באַפעל האָבן „הארץ״ און „דבר״ אָנגעהויבן איינרעדן דעם עולם, אַז עס איז נישט דערוויזן געוואָרן, אַז די באָמבעס אין חיפה און אין ירושלים זיינען געוואָרפן געוואָרן דורך אידן״. נאָך היסטערישער איז זייער געשריי אין יעדער נומער פון זייער וואַרשעווער בלעטל „די טאַט״, אַז זיי און נאָר זיי טוען אָפּ די אַלע מעשים.

פאַרוואָס־זשע טוען זיי דאָס — לויט דער מיינונג פון די רעוויזיאָניסטן? ווייל אין דער לינקס־מחנה איז מען זייער שטאַרק מקנא די רעוויזיאָניסטישע העלדנטאַטן — דעריבער באַמיען זיי זיך צו דערווייזן, אַז דידאָזיגע טאַטן זיינען לגמרי נישט קיין רעוויזיאָניסטישע.

יאָ, אַזוי איז עס: זעלבסט־מודה־זיין איז לויט דער גמרא גלייך „הונדערט עדות״, אָבער אויב דאָס זאָל אַפילו אָנגענומען ווערן בלויז ווי אַן „עדות פון צוויי״, איז אויך גענוג, אַז עס זאָל אונז פינצטער ווערן די וועלט.

עס דאַרף אויך באַטאָנט ווערן דאָס צווייפּנמדיגע און מיאוסע שפּיל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די רעוויזיאָניסטן: אין ארץ־ישראל פאַרשרייען זיי אַלס „מסירה״ אַפילו בלויז אַן אָנדייטונג פון אַ חשד, אַז רעוויזיאָניסטן באַגייען די טעראָר־אַקטן; „מסירה״ הייסט ביי זיי אויך אַ כראָניקאַלע ידיעה, אַז די דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען רעוויזיאָניסטישע; „מוסרים״ הייסט מען ביי זיי ווען מען פאַרעפנטלעכט דר. וואַשיצ׳ס רייד, ווי זיי זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין רעוויזיאָניסטישן „הירדן״! אָבער

אין חוץ־לארץ איז מען ביי זיי „מוסרים״, ווען מען זאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך — אידן זאָלן האָבן אויסגעפירט אַזעלכע בלוטיגע טאַטן!

אָט דאָס איז, הייסט עס, דער וואונדערלעכער וועג צו גאולה, וועלכן ס׳האָט אָנגעוויזן בן־יוסף!.. אַ בלוט־באָד, וואָס וואַרפט אַריין ארץ־ישראל און דעם ישוב אין אַ מוראדיגן כאַאָס, אין הפקרות און אַנאַרכיע. און די בולטע און באַלדיגע רעזולטאַטן דערפון זיינען: דאָס פאַראייניגן אַלע אַראַבער אַרום די טעראָריסטן; דאָס פאַר־שטאַרקן און פאַרברייטערן דעם אַראַבישן טעראָר געגן אידן, וועלכער וועט געטריבן און באַוועגט זיך דורך אַ באַזונדערער נקמה־גלוט און פאַרניכטונגס־לוסט; דאָס אָפּשוואַכן די אינערלעכע שטאַרקייט פון די ישוב־פאַרשטייער בעת זייער פאָדערן פון די מאַכט־אָרגאַנען צו פאַרשטאַרקן די זיכערהייטס מיטלען און בעסער צו באַוואָפענען די אידן; דאָס אָפּשוואַכן די פעסטקייט פון די ישוב־פאַרשטייער ביים פאָדערן האַרבע שטראָפן געגן די אַראַבישע טעראָריסטן, ווייל דידאָזיגע שווערד קען זיך אויסדרייען אויך צו אונז, — די שאַרפע געזעצן און האַרבע שטראָפן וועלן טרעפן אויך אידן. דערדאָזיגער בלוטיגער „גאולה״־וועג דינט אויך אַלס שטיצע פאַר אונזערע געגנער און שונאים צווישן די ענגלענדער, און ער איז משפיע אויף דער גאַנצער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג צו אונזער שאָדן. עס איז איבעריג צו דערוויַזן, אַז דאָס אַלץ פאַרערגערט און צעטרייסלט נאָך מער די עקאָנאָמישע לאַגע פונם ישוב און מאַכט צונישט די אונטערנעמונגס־מעגלעכקייטן און פרוון צו סאַנירן, פאַרפעסטיגן און ווייטער פאַרזעצן די אויפבוי־אַרבעט.

אָט דאָס איז, הייסט עס, „דער וועג צו גאולה״: שיסן אויף פאַרבייגייענדיגע אַראַבער פון הינטער אַ וואַנט אין שטאָט צי פון הינטער אַ דאָרפישן פּלויט, אָדער וואַרפן טייוול־באָמבעס, וועלכע מאָרדן אויס צענדליגער אַראַבער אויף איין מאָל. דאָס הייסט: פשוט: פולשטענדיג נאָכאַמען — אָפּט מיט אויסבעסערונגען — די אַראַבישע רוצחים, זייערע וועגן און מעשים; באַפלעקן דעם אידישן ישוב און דאָס אידישע פאָלק דורכן פאַרגיסן אומשולדיג בלוט, דורך קאָמפּס־מעטאָדן פון מדבר־פראים, און — צו דעם אַלעם: שטערן און אַ תל־מאַכן פון אַלע ביזאיצטיגע אָנשטרענגונגען און פון די אויסזיכטן אויף אַן ענדגילטיגן נצחון. וואָרום — דער־

דאָזיגער וועג איז דאָס סאַמע געוואונשנסטע פאַר אונזערע פאַר־שידענע שונאים און געגנער, וועלכע באַמיען זיך שוין זינט לאַנגע יאָרן צו דערפירן אונז און די אַראַבער צו אַ לאַגע פון צוויי גלייכבאַרעכטיגטע „קעמפנדע צדדים”, און אָפּצושאַפן אונזער פּריווילעגיע אַלס בויער און שעפער, וועלכע פאַרלאַנגען בלויז רעכט אויף זעלבסט־פאַרטיידיגונג, אַלס מענטשן פון שלום און אחריות און קולטור, וואָס מען איז פאַרפליכטעט זיי צו שטיצן, פאַרטיידיגן און העלפן אין זייער אַנטוויקלונג — טראָץ די שווערי־קייטן מצד דעם געגנער.

אָט אַזאַ איז דער וועג, וועלכן עס האָט אָנגעוויזן בן־יוסף, און אויף וועלכן עס האָבן אָנגעהויבן גיין, מיט זייער גאַנצן משוגע־נעם כוח, אַלע רעוויזיאָניסטן — אָן איין אויסנאַם! עס האָט זיך דאָך נישט געלאָזט הערן פונצווישן זיי קיין איין אָפּפרעגנדע, פּראָטעסטירנדע אָדער געגנערישע שטימע. אדרבה, עס האָט זיך צעשאַלט אין זייער מחנה ברייט און שטאַרק אַן אַלגעמיינער „פאַר־היילינגונגס־געזאַנג” דעם עשאַפאָט און דער „צוואה” פון זייער קרבן. ווי אומהיילבאַרע שגעון־באַפאַלענע שפּייען זיי מיט גיפט אויף יעדן איינעם, וואָס איז נישט משוגע־געוואָרן. און אינדערשפּיץ פון דער צעבושעוועטער דערווישן־סעקטע געפינט זיך דער „פירער” בכבודו ובעצמו, זאב זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט זיין מיינונג פאַר פערזענלעכקייטן פונם ישוב — פון לינקס, פון די „אַלגעמיינע” און פון סאַמע רעכטס — אַז ווער עס מערט ביי היינטיגן טאָג בלוט, אַנאַרכיע און כאַאָס אין ארץ־ישראלדיגן ישוב, איז דוחק דעם קץ און איז מקרב די גאולה...

יב. באַרגאַראָפּ — צום תהום

אָט דערדאָזיגער אומגליקלעכער וועג מוז פירן אַלע, וועלכע גייען אויף אים, אַראָפּ און אַראָפּ; דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס ער שלעפּט צום תהום דעם ישוב און אונזער גאַנץ אויפבוי־ווערק.

דער וועג פון בלוטיגער נקמה, וואָס מאַכט נישט קיין אונטער־שייד צווישן מערדער, וועלכע מען מוז באַקעמפן מיטן גאַנצן כוח, מיט דער גאַנצער דרייסטקייט און העלדישקייט, און סתם אַראַבער אין שטאָט, אין דאָרף אָדער אויפן וועג, וואָס מען טאָר זיי נישט טשעפּען און ס'איז אַ פאַרברעכן צו מאָרדן זיי בלויז ווייל פון זייער

פאַלק שטאַמען די מערדער, — אַט דער בלוטיגער וועג האָט שוין געבראַכט צו גרויסע אומגליקן פאַר אידן גופא, נישט בלויז דורך דעם, וואָס די אַראַבער האָבן צוריקגעצאָלט מאָרד פאַר מאָרד און נישט בלויז דורך דעם, וואָס אויספירנדיג אַן אַטענטאַט אויף אַראַבער זיינען געטראָפן געוואָרן אויך אידן, וועלכע זיינען צופעליג געווען אויף יענע ערטער, נאָר פשוט דורך לכתחילהדיג־פאַטאַלע „טעות׳ן״. אַזאַ טראַגישער פאַל, וועלכער קען דינען אַלס שרייענדיגער ביישפיל פאַר די מטורפדיגע נקמה־אַקטן פון הפקרדיגע בריונים, איז דער פאַל משה מזרחי אין חיפה. דערדאָזיגער איד האָט געוואוינט אין עכו במשך דער גאַנצער בלוטיגער צייט און ערשט סאַמע לעצטנס איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט צוליב דער פאַרערגערונג פון דער זיכערהייטס־לאַגע דאָרטן. די פאָליציי האָט אים אַריבערגעפירט קיין חיפה, אין א אידישן ישוב, כדי אים צו ראַטעווען פון טויט־געפאַר. און — צוויי טעג נאָכדעם ווי ער איז אַריבער אין דעם אידישן „זיכערהייטס־געביט״, איז ער געפאַלן אַ קרבן אין די גרעניצן פון דער אידישער חיפה, אין הדר הכרמל. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אידישע הענט. עס האָט אים דערמאָרדעט אַ איד, וואָס האָט אין אים אַ „טעות״ געהאַט, ווייל ער איז געווען ענלעך צו אַן אַראַבער...

וויאַזוי וועלן די בריונישע רוצחים זיך קענען ריינוואַשן פון דעמדאָזיגן שוידערלעכן בלוט — דאָס בלוט פון אַ אידן, וואָס אין עכו איז אים געלונגען לעבן־בלייבן, און אין דער אידישער חיפה איז זיין לעבן פאַרשניטן געוואָרן צוליב דער אומפאַראַנטוואָרטלעכ־קייט און געוויסנלאָזיגקייט פון די אידישע „נקמה־העלדן״?!

און דערדאָזיגער פאַל איז נישט דער איינציגער פון דעם מין. מענטשן, וואָס זיינען געווען דערביי, גיבן איבער, אַז זיי האָבן געזען ווי אַ אידישער בחור האָט אינמיטן גאַס, אין ירושלים געשאָסן אויף אַ איד. אויך דאָ האָט דער שיסער אַ טעות געהאַט. דער אָנגעגריי־פענער איד שטאַמט פון מצרים און איז געווען געקליידעט ווי אַן אַראַבער. צופעליג איז דער איד בלויז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

וויאַזוי־זשע קען מען אָבער זיין זיכער, אַז אט דער בלוטיגער וועג וועט באַפלעקט ווערן בלויז מיט אידישע קרבנות על־פי־טעות? ווער עס הויבט אָן אויסווירקן אַן איינפלוס מיט דער הילף פון רעוואָלווער און באָמבע — וועט שוין קיין געדולד נישט האָבן צו

וואַרטן ביז זיין זיג וועט רייף ווערן דורך דערציאונג, אויפקלערונג און הערצער־דעראָבערונג. עס איז פאַראַן אַ „קורצער" וועג, וואָס פירט צו מאַכט. אין דער אָפיציעל־רעוויזיאָניסטישער אויסגאַבע „ארץ־ישראל אין פלאַמען" (וואַרשע), פון 22־טן יולי, ווייזט מען אָן אויף דעם־אָ וועג:

„וויאַזוי וועלן אידן דעראָבערן ארץ־ישראל? — דורך געלט, פאַרטיידיגונג, הבלגה און דורך שלום מיט די אַראַבער — אַזוי ענטפערן די פירער פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע" — „עס איז שוין צייט פאַר אידן צו פאַרשטיין, אַז דער איינציגער וועג, וועלכער קען אונז פירן צו דער גאולה, צום דעראָבערן ארץ־ישראל, איז דער וועג, וועלכן אַלע אונטערדריקטע פעלקער האָבן דורכגעמאַכט קעמפנדיג פאַר זייער זעלבסטשטענדיגקייט — דער וועג פון קריג און בלוט".

עס איז דעריבער נישט געווען קיין גרויסע איבעראַשונג, ווען די לעצטע וואָכן האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז אין דער רעוויזיאָניסטיש־בריונישער מחנה איז מען נוטה צו פרווון דעם „קורצן־וועג" פון „קריג און בלוט" אויך אינם קאַמף פאַר דעראָבערן די מאַכט אין אידישן פאָלק, אין ציוניזם. במשך לאַנגע יאָרן האָט מען זיך דאָך דאָרט דערצויגן אויף דער תורה, וועלכע האָט געפונען איר אויסדרוק אין אחימאירס „מגילת הסיקריקין", אין פאָלגנדע ווערטער:

„די סיקריקיות באַשטימט אַלס איר צילברעט דעם העלד פון דעם עקזיסטירנדן רעזשים". „ווער עס הרגעט צוליב גזלה — הייסט אַ רוצח. אָבער דער סיקריקי, וועלכער דערהרגעט דעם העלד פונם רעזשים איז נישט קיין סתם רוצח. פון מאָראַלישן שטאַנדפונקט מעג מען דערהרגענען צוליב געזעלשאַפטלעכע צילן. נישט דער מאָרד גופא באַשטימט דעם אורטייל, נאָר דער ציל, צוליב וועלכן דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן".

און ווען עס איז פאָרגעקומען (אָנהויב חודש אב תרצ"ח) אין תל־אביב די צוכאַפּונג פון דעם בחור זכריה קיקיון, איז דער גאַנצער ישוב אויפגעציטערט געוואָרן פונם גרויזאַמען געדאַנק: צי איז נישט דאָס דער אָנהויב פונם אינערלעכן אומגליק, וועלכער וועט אונז אַראָפּקייקלען באַרג אַראָפּ, צום תהום?

ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס די צוכאַפּונגס־געשיכטע איז

באַלד באַטראַכט געוואָרן אַלס טאַט פון די רעוויזיאָניסטישע בריונים. עס איז דאָך נאָך געווען פריש ביי אַלעמען אין זכרון אַן אַנדער צוקאַפּונג (פון אָנהויב תרצ״ח) פון בן עמרם פרענ־קעל, וועלכער איז נעלם געוואָרן נאָך דער דערמאָרדונג פונם אַראַבער אין צפון־טייל פון תל־אביב. איצט ברענגט דאָס וואַרשע־ווער רעוויזיאָניסטישע בלעטל (פון 7־טן אויגוסט) די פאָלגענדע ווערטער פון אַ „אידישן עסקן פון ארץ־ישראל״:

„די ערשטע טעראָר־אַקטן פונם „פאַרבאַנד״ („נאַציאָנאַלער מיליטערישער פאַרבאַנד״) זיינען אויסגעפירט געוואָרן פאַראַיאָרן, נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם חלוקה־פּלאַן, אַלס פראָטעסט געגן אים״.

פאַראַיאָרן זיינען די בריונים נאָך נישט גרייט געווען צו אַזאַ אָפנהאַרציגקייט און זיי האָבן זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו פאַרטושן די שפורן. אָבער די שפורן האָבן געפירט צו איינעם פון דער „כת״ — פרענקעל (בן־עמרם). דער בחור איז פאַרשוואונדן. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט זיין מוטער, ווייל מען האָט ביי איר אין הויז געפונען אַ רעוואָלווער. דער זון איז דאָס געוואויר געוואָרן, און עס האָט אים אַ ריס געטון: ווערט זיין מוטער דאַרפן זיין זיין כפרה־קרבן? און ער האָט אַ קלער געטון מכוח דער נויטיקייט צו האַנדלען ווי אַ געטרייער זון און באַפרייען די מוטער דורך איבערגעבן זיך אין די הענט פון דער פּאָליציי. דידאָזיגע טראַכטע־נישן זיינען דערגאַנגען צו די חברים פון דעם יונגען בריון, און עס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ פחד: אויב דער בחור וועט זיך טאַקע איבערגעבן — ווער ווייסט וואָס ער וועט טון און וואָס ער וועט זאָגן און וואָס עס דראָט דער „כת״...

דער בחור מיט די דערמאָנטע „סענטימענטאַלע״ און געפער־לעכע טראַכטענישן — איז נעלם געוואָרן. האָט ער חרטה באַקומען? האָט ער זיך פאַרהאַרטעוועט און מפקיר געווען זיין מוטער? מען קען עס נישט וויסן. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ארויסגעשלעפּט פון ירקון דעם קערפּער פון אַ אידישן יונגערמאַן. מען האָט גערופן פרענקעלס מוטער צו דער אידענטיטעט־פעסט־שטעלונג פון דעם טויטן קערפּער, און — זי האָט מיט גרויל דערקענט איר זון. דער מוח פון דער אומגליקלעכער מוטער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם קאָשמאַר, — זי איז אַראָפּ פון זינען. דער געפונענער קערפּער איז געווען געבונדן — די הענט

און פיס — מיט עלעקטרישע דראָטן, צוגעפעסטיגט מיט שווערע שטיינער, — ער זאָל חלילה נישט אַרויפשווימען...

אָבער ער איז אַרויפגעשוואומען, און צוזאַמען דערמיט זיינען אַרויסגעשוואומען מער־ווייניגער אָננעמבאַרע השערות וועגן די סיבות און אומשטענדן פון טויט: נישט אַנדערש, נאָר פרענקעל איז געפאַלן אַ קרבן פון זיין אָפּנהאַרציגקייט.

די בריונים האָבן געפּרווט און פּרווון נאָך עד היום אַרויסלאָזן און פאַרשפּרייטן פאַנטאַסטישע קלאַנגען און מעשיות, אַז פרענקעל לעבט. טאָ וועמענס־זשע איז דער דערטרונקענער קערפּער? און ווי קומען אויף אים פרענקעלס בגדים? און צוואָס די געפּענטעטע הענט און פיס? און צו־וואָס די צום־אָפּגרונט־ציענדע שטיינער? אָדער אפשר האָט מען גאָר מיט אַ כיוון אַרויסגעשלעפּט אַ טויטן קערפּער פון בית הקברות? די בריונים שטעלן צונויף די סאַמע פאַנטאַסטישע מעשיות, אָבער זיי זיינען נישט בכוח צו צעשטרייען דעם שווידערלעכן נעפּל, וואָס הילט איין די מעשה־פרענקעל.

באַלד נאָך דעם איז פאָרגעקומען דער רויב־אָנפאַל אויפן שמש פון „בנק־הפּועלים", און די רויבער זיינען פאַרדעכטיגט און געפאַרשט געוואָרן אויך אין ענין פרענקעל, וועלכער האָט דאָך געהערט צו דער „רעוואָלוציאָנער־ציוניסטישער" קאָמפּאַניע. דער רויב־אָנפאַל איז דאָך אויך געמאַכט געוואָרן, ווי מיר האָבן עס געזען אין איינעם פון זייערע אויפרופן, לשם דער מצווה פון קאַמף געגן אַראַבישן טעראָר. און די שפּורן האָט מען נישט אַנטדעקט.

אַזוי איז צוגעכאַפּט און פאַרשוואונדן געוואָרן פרענקעל. קיקיון איז בשלום אומגעקערט געוואָרן אַהיים אַדאַנק אַ ספּע־ציעלן דרוק, וועלכער האָט דערצו מיטגעהאָלפן. אָבער במשך אַכט טעג האָט דער גאַנצער ישוב געלעבט אין דעמדאָזיגן קאָשמאַר: אָט הויבט ער זיך שוין אָן, דער אינערלעכער טעראָר און עס וועט אינגאַנצן פינצטער ווערן אונזער וועלט. און דורך דעם „גוטן סוף" פון דער מעשה־קיקיון איז נאָך נישט אויסגעשעפּט געוואָרן דאָס געפיל פון שטיין ביים ראַנד פון תהום.

אויך אויסער מעשה־קיקיון האָט זיך די לעצטע צייט אָנגע־קליבן אַ היפּש בינטל כוליגאַנישע און בריונישע אַקטן. אָט איז צעשלאָגן און פאַרוואונדעט געוואָרן אין תל־אביב אַ אידישער געהיים־פּאָליציאַנט; און אָט איז געשען דאָסזעלבע מיט נאָך

אַ געהיים־פּאָליציאַנט; און אָט איז עס געשען דוקא אַ רעוויזיאָניס־טישן יונגערמאַן, וואָס זיינע חברים האָבן אים חושד געווען אין פאַראַט. דאַן איז פאַרגעקומען אַ מעשה מיט אַ שאָפער, וועלכן מ'האָט צעשלאָגן, פאַרוואונדעט, פאַרטויבט, איינגעשלעפּערט, אַריינ־געוואָרפן אין אַ פּרדס, וואו עס גייען אָפּט פאַרביי אַראַבער, און צוגערויבט צוליב עפּעס געהיימניספולע צוועקן זיין מאַשין. די מאַשין האָט מען צומאָרגנס געפונען אויף איינער פון תל־אַביבער גאַסן, אָבער די שפּורן פון די בריונים האָט מען נישט אַנטדעקט. און דאַן ווידער עפּעס אַ מעשה מיט אַ בחור, צו וועלכן עמיצער איז צוויי ביינאַכט צוגעפאָרן מיט אַן אויטאָ און אים ארויסגערופן פון שטוב. אין איינער אַ נאַכט האָט מען געקלונגען און געקלאַפּט אין די וואוינונגס־טירן פונם ראש־עיריה — י. ר ו ק ח. עס גייען אַרום קלאַנגען וועגן דראַאונגס־בריוו, וואָס עס האָבן באַקומען תל־אביבער פּאָליציאַנטן, און וועגן איינעם אַ שוידערלעכן דראָאונגס־בריוו, וועלכן עס האָט באַקומען אַ אידישער פּאָליציי־אָפיצער אין תל־אביבער געגנט. אין דעם אויטאָ פון דעמזעלבן פּאָליציי־אָפיציר האָט מען געפונען אַ באָמבע, וועלכע איז דורך עמיצן אַריינגעלייגט געוואָרן מיט דער אויסרעכנונג, אַז זי וועט אויפרייסן בעת ער וועט אָנרירן דעם האַנט־טאָרמאַז. נאָך דעם גליקלעכן צופאַל, וואָס מען האָט באַמערקט די באָמבע איידער זי האָט אויפ־געריסן, האָט דער אָפיציר דערציילט, אַז ער האָט געהאַט געזען עפּעס אַ בחור דרייט זיך אַרום זיין אויטאָ און באַקוקט אים פון־דער־נאָענט, אָבער עס איז אים נישט איינגעפאַלן חושד צו זיין... עס האָט אויך באַקומען אַ דראָאונגס־בריוו, פול מיט געמיינקייטן און גראָב־קייטן, מ ש ה ס מ י ל אַ נ ס ק י, ווייל ער האָט געוואַגט אָפן אַרויס־צוזאָגן זיין שאַרף וואָרט געגן די בריונים און געגן בריוניזם.

דערמיט איז נאָך די רשימה נישט געענדיגט.

די בריונים זיינען אַרויף אויפן וועג פון בלוטיגן טעראָר און אויספּרעסונגען, — וועלן זיך דען ביי זיי געפינען יענע גוואַלדיגע כוחות וועלכע זאָלן זיי צוימען, אָפּהאַלטן און אָ פּ ש ט ע ל ן, כדי זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּקייקלען פונם געפערלעכן באַרגאַראָפּ?

אינדעראמתן איז אָבער נישט דאָס די הויפּט־פראַגע. די הויפּט־פראַגע איז, — צי וועט דער אידישער י ש ו ב אַנטפּלעקן אין זיך דעם גרויסן כוח, וואָס זאָל אָפּהאַלטן ז י י ן קייקלען זיך צום

תהום? וואָרום, ווי געזאָגט, דער בלוטיגער טעראָר און די כוליגאַ־נישע רעפּרעסיעס שלעפּן אַראָפּ אין אָפּגרונט אַריין אַלץ, אונזער גאַנץ אויפבוי־ווערק, אַלע אונזערע האָפענונגען.

דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל, די ציוניסטישע באַ־וועגונג און דאָס אידישע פאָלק האָבן פאַר זיך צוויי וועגן, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט ווערן איינס.

איין וועג איז, — לויט ווי מיר דערוויסן זיך פון אַ זייער „באַגלויבטער קוועלע״, פונם בית״רישן נציב אין ארץ־ישראל, ערי זשאַבאָטינסקי — („השחר״, 18־טער מערץ 1938).

„הערצל האָט געלערנט די ציוניסטן, אַז מען טאָר נישט שאַפן קיין איין אידישן פונקט אין ארץ־ישראל, ביז די מאַכט איבערן גאַנצן לאַנד וועט נישט געהערן צום אידישן פאָלק. מיר, זיינע תלמידים, זאָגן, אַז דער וועג פון „בויען און שאַפן״ וועט פירן צו חורבן און צעשטערונג״. „די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל פּרוווט איצט נישט צו שאַפן אַן עקספּערימענטאַל־סטאַציע פאַר הערצלס לערע, נאָר זי באַמיט זיך צו צעברעכן די מאַכט פון דער אידישער אַגענץ אויפן ישוב״. — — „און אָט איז דאָס געזעץ, לויט וועלכן מיר דאַרפן זיך פירן, מיר — די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי אידן: מיר טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט קאָלאָני־זאַציע, מיט גרינדן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מיט רעאַגירן אויף רעכט־פאַרלעצונגען און אויף באַליידיגונגען, מיט ארייננבאַקומען זיך אין די אינסטאַנצן, וואָס טראָגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די ענינים פון ישוב. מיר דאַרפן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, פּרעדיגן, נביאות־זאָגן, צורופן „אהא!״, — און אונזער פאַסיגער מאָמענט וועט שוין קומען״.

דאָס איז די לערע פונם „פאַסיוון רעוויזיאָניזם״ פון זשאַבאָ־טינסקי דעם זון. איז זי דען אַזוי ווייט פון דער לערע פון זשאַבאָ־טינסקי דעם פאָטער? ער האָט דאָך אויך כסדר געטענהט און געטענהט: אומזיסט און אומנישט איז די אַרבעט פאַר קרן היסוד און קרן קימת, די קאָלאָניזאַציע און דער אויפבוי און די עליה און די באָדן־אויסלייזונג א. א. וו. דאָס אַלץ איז אומזיסט און אַרויס־געוואָרפן כל זמן מיר האָבן נישט באַקומען די אָנערקענונג פון אונזער פּאָליטיש רעכט אויף דער אידישער מדינה פון ביידע זייטן ירדן... אמת, זשאַבאָטינסקי דער פאָטער פאַראייביגט, ווי עס איז שוין

אויבן באַוויזן געוואָרן, פּאַסיוויזם מיט אַקטיוויזם. וואָס איז דער פּשט און דער טעם פון דעמדאָזיגן אַקטיוויזם — ווייסן מיר שוין היינט גאַנץ גענוי. אָבער אויך איצט, אין איצטיגן מאָמענט, האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן צום רעוויזיאָניסטישן צוזאַמענפאָר אין פּראָג:

„די אָנפירונג מיטן פאָלק וועט אונז אַריינ־פאַלן אין די הענט אַריין, ווי אַ רייפע פרוכט. — מיר איילן זיך נישט, מיר שטייען אויף דעם אָרט, וואו די רייפע פרוכט מוז אונז אַריינפאַלן אין די הענט אַריין. זי וועט טאַקע אַריינפאַלן — די דאָזיגע פרוכט, וואָס הייסט: די אָנפירונג פון ציוניסטישן פאָלק כלפּי פּנים און כלפּי חוץ".

פולשטענדיגע פּאַסיוויטעט און גרויל־האַפטע, בלוטיגע צעבור־שעוועטקייט, אַבסאָלוטע אימפּאָטענץ אויפן שאַפונגס־געביט און הפקרדיגע ברעכונגס־און אונטערגראָבונגס־מעשים, העלישע קנאה־שנאה און שטערבלעכער ווילן צו מאַכט — אָט דאָס איז די זשאַבאָטינסקי־לערע פון פאָטער, זון און „הייליגן ליגן".

דאָס איז איין וועג.

און דער צווייטער וועג — די קוועלן, פון וועלכע מיר לערנען אים, זיינען אַנדערע: גרינע פעלדער, פרוכטבאַרע גערטנער, בליענדע און וואַקסנדע ישובים, באָדן־און אַרבעטער־דעראָבערונגען, זיך־בויענדע שטעט, שטראָמענדע עליה, אומאויפהערלעכע שאַפונגס־באַמיאונגען און קולטור־אויפטוען, כסדרדיגע פאַרפעסטיגונג, אויס־ברייטערונג און פאַרוואָרצלונג, מוטיגער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאָליטישער קאַמף, און — העלדישע זעלבסטפאַרטיידיגונג און פּנים־אל־פּנים'דיגער קריג מיט די מערדער און מדבר־פּראים.

וואוהין פירט דער ערשטער וועג, און וואָס פאַר־אַ פּאָזיציעס און קראַפט מיר האָבן דעראָבערט דורכן צווייטן וועג, — אויף דעם זיינען מחויב דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל און די באַוועגונג אין דער גאַנצער אידישער וועלט ענטפערן דרייסט און אַנטשלאָסן:

פאַר די דעראָבערונגען פון אויפבוי, שאַפונג און אחריות! געגן הפקרות, צעשטערונג און בלוטיגן קאָשמאַר!